STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01542

# FUN VANEN SHTAMEN DI HAYNTIGE IDEN?

Benjamin Feigenbaum

•

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Phyllis and Larry Selter*
*in memory of Sylvia and Joseph Roth*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ראדיקאל פובלישינג קאמפאני.

# פון וואנען שטאמען די היינטיגע אידען?

אָדער

## אידישע מלוכות אין רוסלאנד און אראביען.

פון

ב. פֿייגענבוים.

הערויסגעגעבען פון
די ראדיקאל פובלישינג קאמפאני,
71 הענבורי סטריט, בריק ליין, א.

לאָנדאָן, 1907.

## I.

# נאציאנאליטעט און אייגען פאטערלאנד.

ווען מען הערט די „פאַטריאָטען" פון אַלע פערשיעדענע מדינות רעדען מיט אַזאַ ברייטקייט פון „זייער פאַטערלאַנד," ווען מען הערט זייערע פרעטענסיעס וועגען זייער „היסטאָרישען רעכט" אויף זייערע מדינות, ווען מען זעהט זייער שטאָלצע גאוה געגען די „פרעמדע," וועלכע האָבען נאָך די מיינונג פון דיעזע „פאַטריאָטען" קיין שום רעכט ניט אין „זייער" לאַנד — וואָלט מען ווירקליך געקענט מיינען אַז דיעזע פאַטריאָטען מיט זייער פאָלק זיינען טאַקי געשאַפען געוואָרען צוזאַמען מיט זייער „פאַטערלאַנד."

ווען מען מישט אָבער צוריק דאָס בלעטיל פון די וועלט-געשיכטע, זעהט מען גלייך, אַז אין די גאַנצע וועלט איז כמעט ניטאָ איין נאַציאָן, וואָס זאָל טאַקי זיין געבוירען און ערצויגען אין דעם לאַנד, וואָס זי רופט איהר „פאַטערלאַנד."

אַזוי גוט ווי די זאָגענאַנטע אַמעריקאַנער „נאַציאָן" איז אין אמעריקאַ איינגעוואַנדערט, און דיעזעס לאַנד איז ניט פריהער געוואָרען איהר „פאַטערלאַנד" ביז איהרע איינגעוואַנדערטע עלטערן האָבען אויסגעקוילעט און פערטריבען די אַלטע איינוואָהנער פון דעם לאַנד — די אינדיאַנער: אזוי גוט ווי דאָס לאַנד כנען איז ניט פריהער געוואָרען ארץ ישראל (דאָס פאַטערלאַנד פון די אידען) ביז יעקב'ס קינדער האָבען מקיים געווען ביי די אַלטע איינוואָהנער פון דעם לאַנד „לא תחיה כל נשמה" און האָבען דאָס לאַנד פון זיי אַוועקגערויבט — אזוי איז אויך ענגלאַנד ניט פריהער געוואָרען דאָס פאַטערלאַנד פון די ענגלענדער, פראַנקרייך — דאָס פאַטערלאַנד פון די פראַנצויזען און אַלע אַנדערע לענדער — די פאַטערלענדער פון זייערע יעצטיגע בעהערשער, ביז זיי אַלע האָבען אויסגעקוילעט און פערטריבען די אַלטע איינוואָהנער פון דיעזע לענדער.

היינט, ווען די וועלט איז שוין ציוויליזירט, זיינען די אומות — אין רעגעל — שוין פעסט איינסטאַלירט. און יעדע פון זיי זיצט און בלייבט זיצען אויף אַן אָרט. דאָס איז אָבער ניט אימער אזוי געווען. אזוי ווי עס איז די רעדע פון די היינטיגע אומות פון די אייראָפּעאיש-ציוויליזירטע וועלט (ביי די עלטערע אומות איז דאָס זעלבע געשעהען פריהער) האָבען זייערע אבות-אבותינו ארום 375 יאָהר נאָך כריסטוס געבורט אָנגעהויבען זיך אַרום צו שלעפען און ארום צו וואַנדערן, ווי היינט די ציגיינער פון איין אָרט אויף'ן אַנדערען, פון איין לאַנד צום צווייטען. איין פאָלק איז אריינגעפאַלען ווי א מחנה ווילדע גזלנים אין די מלוכה פון אן אַנדער פאָלק, האָבען די מלוכה צושטערט, זיך דאָרט בעזעצט און געגרינדעט אַן אייגענע מלוכה, וועלכע האָט עקזיסטירט, ביז אן אַנדער וואַנדערפאָלק האָט מיט זיי ווידער דאָסזעלבע געטהאָן.

ביז 5—6 הונדערט יאָהר האָט דיזע געשיכטליך בעקאַנטע פעלקער-וואַנדערונג געדויערט. א סך מלוכות זיינען אין דער צייט אויפגעקומען און אונטערגעגאנגען, און א סך לענדער זיינען אויף אַזא אופן געווען די „פאַטערלענדער" פון אַ מאַסע פערשיעדענע נאַציאָנען און מען האָט אין זיי גערעדט מי יודע וויפיעל שפראַכען.

און ביי דיזע פעלקער וואַנדערונגען האָבען זיך אויך פערשיעדענע נאַציאָנען זעהר שטאַרק פערמישט איינע מיט די אַנדערע — וואָס דאָס בעווייזט ווידער דעם אומזין פון דעם זאָגענאַנטען „נאַציאָנאַליזמוס."

און מיט אידען איז אויך ניט אַ האָר אַנדערש געווען! אויך אויף זיי האָבען די פעלקער וואַנדערונגען דיזעלבע ווירקונג געהאַט.

עס וועט געוויס פאַר פיעלע פון אונזערע לעזער זיין זעהר אינטערעסאַנט געוואָהר צו ווערען, אַז אין אַ גרויסע שטיק פון די היינטיגע רוסישע אימפעריע איז א מאָל בעשטאַנען א מעכטיגע אידישע מלוכה, און אַז, הגם די אידען פון יענע מלוכה זיינען געווען ניט פון יעקב'ס קינדער, נור טאַטאַרען וואָס האָבען אָנגענומען די אידישע רעליגיאָן, שטאַמען אָבער די היינטיגע רוסישע אידען טיילווייז אָב פון דיזע טאַטאַרען!

יאָ, אין דעם יעצטיגען רוסלאַנד, פון וואַנען מען טרייבט ארויס די אידישע איינוואָהנער אַלס פרעמדע, און וואו די אידען אַליין בעטראַכטען זיך אויך ווי איינגעבעטענע אורחים, אין דעמזעלבען לאַנד האָבען גאָר אַ טייל פון די אורעלטערן פון די היינטיגע אידען געהאַט זייער פאַטערלאַנד און זייער מעכטיגע מלוכה, נאָך איידער קאַצאַפּ איז דאָרט געווען בעל הבית, און טיילווייז אויף די חורבות פון דיזען מעכטיגען אידישען רייך,

וועלכעם די רוסען האָבען צושטערט, האָט פאַניע אויפגעבויט זיין בלוד־טיגען טהראָן.

די געשיכטע פון דיעזע טאַטאַריש אידישע מלוכה און אויך פון די פערמישונג פון זיי און אַנדערע גרים אין יודענטהום, וועט אין פאָלגענדע קאַפּיטלען בעשריעבען ווערען.

## II.

## פון וואנען שטאַמען די רוסישע אידען?

די זייער דייטשע שפּראַך צייגט, זעהט אויס אז די עלטערן פון די היינטיגע רוסישע אידען זיינען אריינגעוואַנדערט קיין רוסלאנד פון דייטשלאַנד. און די היסטאָריע וויזט אונז טאַקי, אַז פריהער זיינען כמעט אַלע „אשכנז׳ער" אידען דער עיקר געזעסען אין די דייטשע לענדער אַרום דעם רהיין, בעזאָנדערס אין עלזאַס־לאָטהרינגען (די פּראָווינצען, וואָס דייטשלאַנד האָט אַוועק גענומען פון פראַנקרייך נאָך די מלחמה פון 1870) און אין העסען. נור אין דער צייט פון דעם דייטשען קייסער הענריך דער פיערטער, אין דעם עלפטען יאַהרהונדערט (אין רש״י׳ס צייטען) האָט זיך אויפגעהויבען דער פאַנאַטישער קריסטליכער המון עם פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך און איז געגאַנגען קיין ירושלים, אָבנעמען יעזוס׳עס קבר פון די מאַהאַמעדאַנער. דיעזע בעוועגונג איז בעקאַנט אין דער געשיכטע אונטער דעם נאָמען „די קרייצציגע." און איידער דיעזע ווילדע פרומע מחנות זיינען אוועק קיין ירושלים, אום דאָרטען מלחמה צו האַלטען פאַר זייער בעגראָבענעם גאָט׳ס כבוד וועגען, האָבען זיי פריהער געמאַכט אַן אָנהויב צו זייערע פרומע מעשים ביי זיך אין דער היים, מיט דעם וואָס זיי זיינען בעפאַלען די אידען — די אפיקורסים געגען יאָסקע פּאַנדערעס רעליגיע — און האָבען זיי בעראַבעוועט, געמאַרטערט, יסורים אָנגעטאָן און מאַסען פון זיי אויסגעשאָכטען און אויסגעקוילעט.

ביי דיעזע שרעקליכע גזרות, וועלכע זיינען בעקאַנט אין דער אידישער געשיכטע אונטער דעם נאָמען „גזרות תתנ׳ו", זיינען מאַסען אידען אויסגעוואַנדערט פון דייטשלאַנד קיין רוסלאַנד, און פון יענע מאַסען איינוואַנדערונג פון פאַר 8 הונדערט יאָהר — אזוי נעמט מען געוועהנליך אָן — שטאַמען דאָס די יעצטיגע רוסישע אידען.

אָבער ווי זעהר אמת דאָס איז, אַז דאָס רוב רוסישע אידען שטאַמען פון יענע איינוואַנדערונג, איז עס אָבער פאַרט אויך זיכער, אז אין רוסלאַנד האָבען זיך שוין געפונען אידען נאָך א סך, א סך פריהער.

אין די אַלטע רוסישע אַריכוועו און שריפטען, פון וואַנען די פערפאַסער פון רוסלאַנד שעפען זייער מאַטעריאַל, געפינען זיך א סך שפורען מכוח אידען וואָס זיינען געוועזן אין רוסלאַנד נאָך פאַר גזרות תתנ"ו, און אין די נייעסטע צייט האָט מען געפונען אין אַן אַלטע רוסישע שריפט, אין וועלכע עס איז בעשריבען די לעבענסגעשיכטע פון טהעאָדאָזיוס פעצאַרסקי, וועלכער האָט געלעבט נאָהענט פאַר גזרות תתנ"ו אַז דיעזער טהעאָדאָזיוס פעצאַרסקי פלעגט זיך ביי נאַכט אוועק'גנב'ענען פון זיינע לייט און אריינגעהן צווישען די אידען, און האָבען מיט זיי ויכוחים איבער זייער רעליגיע, כדי צו קענען זיי פייניגען און הרג'ענען.

אויך האָט מען אין די ביבליאָטעק פון פאַפסט אין רוים געפונען אַלטע געשריבענע ספרים, וואָס זיינען פערפאַסט פון רוסישע אידען אין יאָהר 1094. און דער אידישער געשיכטליכער פאָרשער, פראָפעסאָר האַרקאַווי, האָט פאַר עטליכע יאָהר געשריבען א בוך מיט דעם נאָמען „היהודים ושפת הסלאווים" (די אידען און די סלאַווישע שפראַכע) אין וועלכען ער ווייזט אויף מיט אייזערנע ראיות, אַז אידען אין רוסלאַנד האָבען א מאָל גערעדט רוסיש (אָדער בכלל סלאַוויש.)

פון דעם אַלעם זעהט מען דייטליך, אַז ווען די מאַסען דייטשע אידען זיינען איינגעוואַנדערט אין רוסלאַנד אין די צייט פון גזרות תתנ'ו האָבען זיי שוין דאָרט געפונען מאַסען אידען, וועלכע האָבען שוין דאָרט געוואָהנט פון זעהר לאַנג און האָבען גערעדט סלאַוויש, אַזוי גוט ווי די דייטשע אידען האָבען גערעדט דייטש. און ווען שפּעטער האָבען אַלע אידען גענומען רעדען אונזער אידיש-דייטש, איז דאָס נור דאַריבער וויל די איינגעוואַנדערטע אידען זיינען געוועזן א סך מעהר און געבילדעטער ווי די איינגעבוירענע האָבען זיך די לעצטע אָבגעלערנט די שפראַך פון די ערסטע. און א חוץ דעם זיינען טאַקע נאָך ביז'ן היינטיגען טאָג געבליעבען אין דער קרים א סאָרט אידען, די קרימטשאַקעס, וועלכע רעדען נאָך וויטער טאַטאַריש און רוסיש און האָבען זיך ביז'ן היינטיגען טאָג ניט פערמישט מיט די מאַסע דייטשע אידען פון רוסלאַנד. זיי זיינען געבליבען גאַנץ אָבגעזונדערט, זיי האָבען א גאַנץ אַנדערען טיפּ, אַנדערע מנהגים, זיטען און קליידונג, אַזוי, אַז זיי זיינען אין אַלעמען גלייך צו די טאַטאַרען, צווישען וועלכע זיי וואָהנען.

פון וואַנען עס האָבען זיך גענומען דיעזע קרימטשאַקעס און די אורשפּרינגליכע רוסישע אידען — דאָס וועלען מיר באַלד זעהען, לאָמיר פריהער נאָר בעטראַכטען:

## III.

# צו זיינען אלע אידען יעקב'ס אייניקלאך?

וואָס איז דאָס עפּעס פאַר אַ שאלה?" וועט אַ איד פרעגען „ווי הייסט? האָבען מיר אידען דען עפּעס ניט אונזערע יחוס־בריעף — אונזער געשיכטע, און זעהען מיר ניט פון דיעזע געשיכטע, וואס ציהט זיך כסדר, כסדר, פון דור צו דיר, ביז מלכות יהודה, ביז די נביאים און ביז די הייליגע אבות?"

אַ טעות, מיין פריינד! עס איז געוויס דאָ אַ אידישע געשיכטע, אָבער ביז אַהער האָבען די אידען גיקענט שעפּען דיזע געשיכטע בלויז פון איין איינציגע קוועלע: בלויז פון די אידישע ספרים וואָס זיינען פערפאַסט געוואָרען אין אלע צייטען.

אָבער ניט אין אַלע ווינקלאַך פון דער וועלט, וואו אידען זיינען נור פערוואָרפען געוואָרען, און ניט אין אַלע צייטען זיינען פערפאַסט געוואָרען אידישע ספרים. למדנים און קענערס האָבען אידען נור געהאַט אין עטליכע מקומות, און צושפּרייט זיינען אידען געווען אין ארבע פנות עולם. מאַסען' מאסען אידען — ווער ווייס אויב ניט דאָס רוב פון זיי — האָבען הונדערטער יאהרען גאָר ניט געלאָזט פון זיך הערען, און זיי זיינען געווען ווי אָבגעשניטען פון די אידישע געשיכטע. אַנדערע אידישע בעפעלקערונגען ווידער זעהט מען אַ מאָל פלוצלונג אויפטרעטען אויף די ביהנע פון דיזע געשיכטע און מען ווייס גאָר ניט פון וואַנען זיי האָבען זיך עפּעס גענומען.

די אַלטע אידישע ספרים דערמאָנען אַליין פון מאַססען אידען, וואָס געפינען זיך עפּעס אין „ווייטע פערוואָרפענע מקומות", וואָס מען ווייסט ניט פון זיי און מען הערט פון זיי ניט, און מען ווייסט ניט אויף קלאָר, ווער זיי זיינען און פון וואַנען זיי האָבען זיך גענומען. און אין יענע פינסטערע צייטען, ווען קיין דרוקעריי, קיין פאָסט, קיין אויסגעאַרבייטע שאָסעען און קיין האַנדעלס פערבינדונגען צווישען אַלע מדינות זיינען ניט געווען, און קיין טעלעגראַף און קיין אייזענבאַהנען און דאַמפּפשיפען דאָך

א ודאי ניט — האָט מען געוויס ניט געקענט זיך אפילו פאָרשטעלען וואָס עס טהוט זיך מיט מענשען אין „ווייטע פערוואָרפענע מקומות. דיזע מקומות האָבען זיך עפּעס פאָרגעשטעלט אין מוח פערהיללט אין אַזאַ פינסטערען טומאַן פון אונגעוויסהייט, עפּעס אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אויף דער לבנה אדער גאָר אין הימעל, דאָרט הינטער די דיקע פינסטערע וואָלקענס.

נאַטירליך, ביי אַזאַ צושטאַנד האָט מיט אידען געקענט געשעהען ערגעץ מי יודע וואָס פיר וויכטיגע זאַכען און קיינער זאָל גאָר דערפון ניט אָנהייבען צו וויסען.

און די אידישע געשיכטס שרייבער און פאָרשער זאָגען אונז טאַקי אַליין, אז פון אַ סך אידען אין פיעלע מקומות איז ניט דאָ קיין שום ידיעה. וואָס מיט זיי האָט פּאַסירט אין פערלויף פון אַ סך הונדערטער יאָהרען.

און צווישען דיזע „ווייטע פערוואָרפענע אונבעקאַנטע מקומות" זיינען דאַמאַלס אויך געווען גערעכענט די רוסישע מדינות — דען די אידען פון דיזע מדינות זיינען א סך הונדערטער יאָהרען געווען איינגעוויקעלט אין אַ דיקען וואָלקען פון אונבעקאַנטשאַפט פיר די איבריגע אידישע וועלט.

ווער זיינען אָבער געווען די אַלערליי אידען פון דיזע אַלע „ווייטע פערוואָרפענע אונבעקאַנטע מקומות" וועלכע האָבען ניט אויפצוווייזען קיין געשיכטליכען סדר היחוס? זיינען זיי טאַקי אַלע געווען די קינדער פון ישראל די אַבשטאַמונג פון מלכות יהודה?

פריהער האָט מען געמיינט, אַז געוויס יאַ. ווען מען האָט זיך אַמאָל צוזאַמען געטראָפען מיט אַזעלכע ניי־ענט־עקטע אידען און מען האָט געהערט זיי זאָגען אויף לשון קדש „שמע ישראל" האָט מען גערעכענט אז מעהר קיין בעווייז דאַרף מען שוין ניט, אַז דאָס זיינען יעקב'ס אייניקלעך, און מען האָט זיך מיט זיי פערמישט.

אין אמת'ן אָבער איז דאָס נאָך גאָר קיין ראיה ניט. לשון קדש איז די שפּראַך פון די אידישע רעליגיאָן, אַזוי ווי רוימיש (לאַטייניש) איז די שפּראַך פון די רוימישע (קאַטוילישע) רעליגיאָן, און אַזוי גוט ווי ווען אַ רוימער וועט טרעפען ערגעץ אַ מענש וואָס וועט זאָגען די קאַטוילישע לאַטיינישע תפילות, וועט דאָס פיר איהם נור זיין אַ בעוויין אַז דער מענש האָט אָנגענומען די רוימישע רעליגיאָן, אָבער ניט אַז ער איז אַ רוימער, — אַזוי קען אויך פון דעם וואָס מען הערט אונבעקאַנטע מענשען זאָגען „שמע ישראל" נור געדרונגען זיין, אַז דיזע מענשען האָבען אָנגענומען די אידישע רעליגיאָן אָבער ניט אַז זיי קומען אויך ארויס פון די אידישע אומה.

אבער צו האָבען דען אַנדערע אומית אָנגינומען א מאָל די אידישע רעליגיאָן?

דער שכל אַליין איז שוין מחייב אויף דעם צו ענטפערן "יאַ,,. וואָרים ווי שיקט זיך דאָס, אַז אַללע מינים רעליגיאָנען, פילאָזאָפיען און משוגעת'ן וואָס זיינען נור אַמאָל אויסגיטראַכט געוואָרען, האָבען גיקראָגען אַנהייגגער אין פערשידענע אומות, און גראַד די אידישע רעליגיאָן ניט? ווי שיקט זיך דאָס. אַז אין אָנהייב פון די כריסטליכע צייטרעכנונג, ווען די אומות העולם האָבען גינומען אַוועקוואַרפען זייערע אַלטע געצען־דינערייען, און ווען נייע באָטש נור עטוואָס פערנינפטיגע רעליגיאָנען האָט מען געזוכט ווי מיט ליכט און צובאַפט ווי מצה וואַסער — ווי שיקט זיך דאָס, אַז אין די צייט זאָל גראָד די אידישע רעליגיאָן ניט האָבען געקראָגען קיין קונה אויף זיך? די כריסטליכע רעליגיאָן, וועלכע איז דאַמאָלס געווען בלויז א גאַנץ קליינע פערפאָלגטע און אויסגעלאַכטע סעקטע משוגענע חסידים אינערהאַלב דער אידישער רעליגיאָן, האָבען יאָ אַנדערע אומות אָנגענומען, און די אידישע רעליגיאָן אליין ניט? קען דאָס זיין?

און אויב מען מיינט. אַז דאָס איז ווייל די אידישע רעליגיאָן איז צו שווער אָבצוהיטען, האָט מען זעהר א גרויסען טעות, דען ערשטענס, איז נאָך דאמאָלס אויף די אידישע רעליגיאָן ניט געווען אָנגעוואַקסען דער באַרג שימעל פון תילי תילים של הלכות און חומרות; צווייטענס, זיינען פערברייטעט געוואָרען רעליגיאָנען, וועלכע פאָדערן פון מענש ער זאָל זיך שניידען, בלוט לאָזען, צוקראַצען, צוקיילען און זיינע קינדער קוילענען און זיך אָבזאָגען פון פערגניגען און פון לעבען א. ד. ג. — ווערענד אַנטקייגען זיי איז דאָך די אידישע רעליגיאָן מיט איהרע פרייליכע ימים טובים און מיט איהרע „מצות עכען" א וואַהרע עולם־הזה־רעליגיאָן.

ווידער זעהט מען, אַז עס געפינען זיך אידען פון מערקווירדיג פער־שיעדענע טיפען. ניט נור עס געפינען זיך צווישען זיי אַראַבישע טיפען, טאַטאַרישע טיפען און גריכישע טיפען, נור עס געפינען זיך זאָגאַר אידען נעגערס און כינעזער!

איבריגענס, געפינט מען דען ניט אין די אידישע ספרים אַליין בע־שריבען וועגען א סך פון די אומות העולם, וואָס האָבען זיך מאַסענווייז מגייר געווען און פערמישט מיט דער אידישער אומה?

די זעלביגע פעלקער וואַנדערונג, וועלכע איז פאָרגעקומען ביי די אינגערע פעלקער פון אייראָפאַ ערסט פאַר אן ערך פון 15 הונדערט יאָהר, איז שוין ביי די אידען און זייערע שכנים פאָרגעקומען פאַר 3000

יאָהר. דער אריינקומען פון די אידען אין מצרים, זייער ארויסגיין פון מצרים, זייער ארומוואַנדערען אין די מדבר און זייער בעפאַלען די כנענים, אמורים א.ז.וו. — דאָס איז אַלץ א פעלקער וואַנדערונג. און דאַריבער איז טאַקי מיט די אידען שוין ביי זייער דאַמאַלסדיגע פעלקער וואַנדערונג געשעהן דאָס זעלביגע, וואָס מיט די אייראָפּעער פעלקער ביי זייער שפּעטערער פעלקער וואַנדערונג: עס האָבען זיך מיט די אידען אויך, שוין דאַמאָלס פערמישט שבטים פון פרעמדע אומות. די תורה אליין דערצעהלט אַ ווען די אידען זיינען ארויסגעוואַנדערט פון מצרים האָבען זיך אָן זיי אָנגעשלאָסען אַן „ערב רב" (א גרויסע פערמישונג) פון אַנדערע אומות. אין יהושע'ס צייטען — דערציילט דער פסוק — איז געקומען צו די אידען א פאָלק גבעונים און האָבען זיך מגייר געווען און פערמישט אין דעם אידישען פאָלק. ווען עזרא האָט צוריקגעבראַכט די אידען פון גלות בבל קיין ארץ ישראל „האָט דאָס אידישע פאָלק מיט די כהנים און לוים זיך ניט אונטערשיידעט פון די אומות פון לאַנד... פון די פעלקער כנעני, חתי, פריזי, יבוסי, עמוני, מואבי, מצרי אמורי. די אידען האָבען חתונה געהאַט מיט זייערע טעכטער און האָבען פערמישט די הייליגע אידישע זריעה מיט די פעלקער פון פערשיעדענע לענדער." (אזוי שטייט בפרוש אין עזרא ט')

שפּעטער נאָך די צערשטערונג פון צווייטען אידישען רייך פלעגען אויך אָהן צוייפעל א סך גוים אָננעהמען די אידישע רעליגיאָן און זיך פערמישען אין די אידישע אומה, ווי עס בעווייזען (פּראָפּעסאָר גרעץ בעמערקט דאָס גאַנץ ריכטיג) די פיעלע דינים וועגען גרים, וואָס זיינען דאַמאָלס געשריבען געוואָרען.

מאַנבע פון די גרים זיינען זאָגאר געוואָרען גרויסע אידישע למדים ווי עקילום הגר. אונקלס הגר און אַנדערע.

פון אָנפאַנג פון די קריסטליכע צייט רעכנונג דערציילט אונז אויך די געשיכטע פון מאַסען גוים אין רוים און אַנדערע מדינות וועלכע האָבען אָנגענומען די אידישע רעליגיאָן. אויך שרייבט שוין דער יוסיפון (דער רוימישער) אַז דער אַציאַטעס פון אַדיאַבענע האָט זיך מגייר געווען מיט זיין פאַמיליע און אונטערטהאַנען.

נו דאָס איז נאָך אַלץ גאָר נישט. פיעל וויכטיגער איז וואָס די געשיכטס-פאָרשונג האָט ערסט אין די נייערע צייט אויסגעפונען מכוח דעם לעבען פון אידען אין אזעלכע פערוואָרפענע מקומות פון וועלכע אין די אידישע ספרים געפינט זיך ניט קיין שפור, אָדער העכסטענס א גאַנץ טונקעלע ידיעה.

די היינטיגע ליכטיגע צייט האָט נעמליך דורך איהר טיעפֿע קינסט־ליכע פֿאָרשונג, געוואָרפֿען א ליכט אויף פֿיעלע דונקעלהייטען אין דער אידישער געשיכטע. מיט די הילף פֿון אַלטע אַראַבישע, פערזישע טאַטאַרישע און אַנדערע שריפֿטען האָט מען ענטדעקט אַזעלכע פֿאַקטען פֿון לעבען פֿון אידען וועלכע זיינען פֿאַר די אידען אַליין געווען פֿריהער גאַנץ אונבעקאַנט.

און אויס דיזע פֿאַקטען זעהען מיר, אַז גאַנצע אומות פֿלעגען אמאָל אָנעהמען די אידישע רעליגיאָן, און גאַנצע אידישע מלוכות פֿון גרים האָ־בען שוין מעהרערע מאָל עקזיסטירט אין פֿערשיעדענע געגענדען — מלוכות וועלכע זיינען אויפֿגעקומען אין צייטען פֿון פֿעלקער־וואַנדערונגען און זיינען אין דעם שטראָם פֿון פֿעלקער־וואַנדערונגען ווידער פֿערפֿלייצט געוואָרען און זייערע קינדער זיינען טהיילווייז איינגעשלונגען געוואָרען אין די אידישע מאַסען, וועלכע האָבען זיי בעטראַכט אַלס אמת'ע אידען.

## IV.

## א אידישע מלוכה אין אראביען.

נאָך פֿאַר מעהר ווי הונדערט יאָהר האָבען גרויסע געלעהרטע מענער ענטדעקט אין אַלטע אַראַבישע שריפֿטען, אַז אַ מאָל, אין די אַלטע צייטען, לערך אין דער צייט ווען די קריסטליכע רעליגיע איז אויפֿ־געקומען, האָט א מעכטיגער מלך פֿון דעם אַראַבישען רייך יעמען (תימן) אנגענומען די אידישע רעליגיאָן, און א גרויסער טהייל פֿון זיין פֿאָלק האָבען (ווי דער שטייגער איז) זייער הערשער נאָכגעטהאָן. קלאָהר האָט מען נאָך ניט געוואוסט, ווען דאָס איז געשעהען. מאַנכע פֿאָרשער האָבען זאָגאַר בעהויפטעט, אַז דיזע אידישע מלוכה האָט זיך אָנגעהויבען נאָך 200 יאָהר פֿאַר קריסטוס געבורט און האָט געדויערט ביז 700 יאָהר. 12 אידישע מלכים האָבען, נאָך די מיינונג פֿון דיזע פֿאָרשער, אין דער צייט געהערשט אין יעמען ביז אין אַנפֿאַנג פֿון 6־טען יאָהרהונדערט האָט דער קריסטליכער קעניג פֿון אַביסיניען דיזע אידישע מלוכה צערשטערט.

אַרום דעם יאָהר 1828 האָט אַ פֿראַנצויזישער געלערנטער אין אַראַ־ביש און אין די געשיכטע פֿון די אַלטע אַזיאַטישע פֿעלקער, פּראָפֿעסאָר פּ ע ר אָ ן, אויסגעפֿאָרשט די געשיכטע פֿון דיזען אידיש אַראַבישען רייך געגוי און האָט עס בעשטעטיגט מיט אזעלכע אייזערנע בעווייזע, וועלכע קענען ניט מעהר אָבגעלייקענט ווערען. זיינע בעווייזע קענען מיר נאַטיר־

ליך דאָ ניט ב״ענגען. מיר ווען דאָ איבערגעבען די געשיכטע, ווי זי ווערט צוזאַמען געשטעלט נאָך זיינע אויספאָרשונגען און נאָך אַנדערע געלעהרטע.

שוין גאָר אין אנפאנג פון די קריסטליכע צייטרעכנונג האָבען זיך געפונען מאַסען אידען אין אַראַביען (דאָס איז אַ שטיק לאַנד וואָס איז היינט א קליינע טהייל פון טירקיי, פאַרצייטענס זיינען דאָרט געווען א סך פערשיעדענע מלוכות. דאָרט איז געווען צ.ב. דאָס לאַנד קדר, דאָס לאַנד שבא, פון וואַנען די מלכת שבא איז געקומען צו שלמה המלך, א.ז.וו.)

ווען די אידען זיינען אהינגעקומען ווייס מען ניט. אַ טהייל זאָגען, אַז זיי זיינען נאָך געוועזען דאָרט פון די צייטען פון דוד המלך; טהייל זאָגען, אז נאָך אין די צייט פון שאול המלך זיינען זיי אהינגעקומען. סיי ווי סיי, דאָס איז זיכער, אַז די אידען זיינען שוין דאַמאָלס געווען דאָרט זעהר לאַנג. ווער ווייס אויב זיי זיינען שוין ניט אליין אויך געווען אַראַבי־שע שבטים וואָס האָבען א מאָל בלויז אָנגענומען די אידישע רעליגיאָן.

געלעבט האָבען דיעזע אידען — אזוי ווי די אַנדערע איינוואָהנער פון יענע שטרעקע — אין קליינע פעראייניגונגען פון שבטים אָדער שטעממע וועלכע האָבען זיך ערנעהרט פון פיה־צוכט, יאַגד, אויך ערד אַרבייט א.ז.וו. יעדער שטאַם איז געווען אַן אַרט בעזאָנדערער שטאַט מיט א הויפטלינג אָדער „שעיך" אַלס אָנפיהרער, — קורץ, אין גאַנצען אזוי ווי עס פלעגען איבערהויפט לעבען אַלע מענשען אין די אַלטעווילדע צייטען, איידער עס האָבען זיך איינגעשטעלט די גרויסע מלוכות. מאַנכעס מאָל פלעגען זיך עטליכע פון דיעזע ווילדע אַראַביש־אידישע שבטים פעראייניגען אין איין מלוכה און מאַכען איבער זיך א מלך. אזאַ מלוכה האָט געקענט אמאָל ווערען ניש־קשה׳דיג שטאַרק און דויערען א צייט. דערנאָך פלעגט אַזאַ מלוכה ווידער צופאַלען אָדער איינגענומען ווערען פון אַנדערע. די שטעמע האָבען זיך ווידער אָבגעזאָנדערט און ווידער אַנדערס פעראייניגט א.ז.וו. אזוי איז עס געגאַנגען מיט אַלע מענשען אין די גרוי־אַלטע צייטען און אַזוי האָבען אויך געלעבט די אידען אין אַראַביען, נאָך ווען עס איז בע־שטאַנען די אידישע מלוכה אין ארץ ישראל, און אויך א סך נאָך דעם ווי די אידען פון אידישען רייך האָבען זיך שוין אַרומגעוואַלגערט אין גלות.

א סך פון דיעזע אראַביש־אידישע שטעמע האָבען געהאַט פעסטונ־גען מיט געוועהר, מיט חיל, מיט גענערעלער און זיי האָבען מוטהיג און כוואַטסקע געפיהרט מלחמות מיט אַנדערע אַראַבישע שבטים (אָבער ניט אום שבת) און איינגענומען שטעט, אזוי ווי זיי וואָלטען גאָר ניט געווען קיין אידען אין גלות... יעדער פון דיעזע אַראַביש־אידישע שטעמע האָט

געגהאַט א בעזאָנדערען נאָמען. שטאַרק בעקאַנט זיינען די שבטים בנונדהיר בנקיריזה (דיביידע האָבען זיך געהאַלטען פאַר כהנים און האָבען זיך דאַ־ריבער אויך גערופען „אַל קאַהינאַנו") מנו־בחדל, בנו־קינוקאַ, א.ז.וו.

אין צפון זייט פון אַראַביען איז דאַמאָלס בעשטאַנען אַ שטאַרקע אַראַ־בישע מלוכה, מיט'ן נאָמען יעמען (תמן) אָדער הימיאַרען, דאָרט האָבען די אידען דאַמאָלס ניט געקענט זיין קיין בעזאָנדערע אונאבהענגיגע שטעמע נור זיי זיינען געווען צושפרייט צווישען די יעמענער, אָדער הימיאַרער. זיי זיינען ביי זיי געווען זעהר געאַכטעט און האָבען מיט זיי געלעבט גאַנץ פריינדליך.

ווען די כריסטליכע רעליגיע איז שוין געווען אָנגענומען פון די רוי־מישע קסרים, האָבען דיזע קסרים זיך געסטאַרעט צו מאַכען דיזע שטאַרקע און כוואַטסקע הימיאַריער פאַר קריסטען. די אַראַבער זיינען דאַמאָלס געווען געצען דיענער. אָבער די אידישע אַראַבער, וועלכע האָבען צווישען זיי געלעבט און וועלכע האָבען זיך בעטראַכט פאַר ראַסען ברידער מיט די ניט אידישע אַראַבער, האָבען שוין געהאַט אויף די לעצטע א שטאַרקען איינפלוס. פיעלע מנהגים און בעגריפע האָבען זיך די ניט־אידישע אַראַבער שוין געהאַט אָבגעלערנט פון זייערע אידיש־אַראַבישע שכנים. אויך די אַלטע לעגענדען פון'ם אידישען תנ"ך האָבען זיך די אַראַבער פון די אידען אָבגעלערנט, און דיזע אַלע שטיקער אידישקייט זיינען שוין אַזוי איינגעבאַקען געוואָרען אין די הערצער פון די אַראַבער, אַז שפעטער, ווען אין דעם זעלביגען לאַנד האָט דער אַראַבער מוהאַמעד געגרינדעט די נייע מוהאַמעדאַנישע רעליגיאָן, האָט דיזע רעליגיאָן אַריינ־גענומען אין זיך דיזע אַלטע שטיקער אידישקייט און זיי זיינען אין איהר פערבליבען ביז אויף'ן היינטיגען טאָג.

אויף דער אינזעל יוטאַבע (יעצט הייסט ער טיבאַן) האָבען אַראַבישע אידען גאָר געהאַט א קליינע אייגענע מלוכה'לע.

ארום דעם יאָהר 500 פון דער כריסטליכער צייטרעכנונג האָט אין יעמען רעגיערט א קעניג אָדער א טאַבאו, מיט'ן נאָמען אַבו קאַריבאַ. די־זער אַבו קאַריבאַ איז געווען זעהר א קלוגער און א דענקער. דערצו איז ער אויך געווען א גרויסער כוואַט און ער האָט שטאַרק חשק געהאַט איינצונעהמען אַלע אַ־אַבישע שטעמע, וואָס א טהייל פון זיי זיינען דאַמאָלס געווען בעהערשט פון פערזיען (פרס), אַ טהייל פון די ביזאַנטישע מלוכה און א טהייל זיינען געווען פרייע אונאַבהענגיגע שטעמע.

ביי די מלחמות וואָס דיזער מלך האָט געפיהרט, איז זיין זוהן אמאָל געפאַנגען געוואָרען אין די שטאָט יאַטריב (היינט איז עס די הייליגע מאַ־

האַמעדראַנישע שטאַט מעדינאַ) און די דאָרטיגע איינוואָהנער האָבען איהם גע׳הרג׳עט. דער מלך אַבו קאַריבאַ האָט זיין זוהן זעהר בעוויינט און האָט זיך בעשלאָסען פון די שטאָט יאַטריב פיר זיין זוהן׳ס בלוט נקמה צו נעהמען. אין דיזע שטאָט האָבען געוואָהנט אַ סך אידען. ווי די לייבען האָבען דיזע פרייע אידישע אַראַבער צוזאַמען מיט זייערע ניט אידישע שכנים געקעמפפט געגען אבו קאַריבאַ, וועלכער האָט אָבגעהאַקט די פרוכטבאַרע טייטעל ביימער וואָס האָבען די שטאָט אַרומגערינגעלט און וועלכע זיינען ביי די איינוואָהנער געווען בעליעבט, כמעט פערגעטערט. ווייל זיי האָבען פון דיזע ביימער געלעבט.

ביי דיזע מלחמה איז אַבו קאַריבאַ קראַנק געוואָרען און ער האָט ניט געקענט געפינען קיין ביסעל וואַסער זיין דורשט צו לעשען. ווען ער איז אַזוי געלעגען אין זיין געצעלט פערשמאַכט, זיינען צו איהם אריינגעגאַנגען צוויי אידישע געלערנטע (אַבברין אויף זייער לשון) מיט׳ן נאָמען קאַאַב און אסד, פון די שטאָט יאַטריב און האָבען גענומען איהם איבער־ריידען ער זאָל די שטאָט מוחל זיין און אויפהערען צו פיהרען געגען איהר מלחמה. רעדענדיג מיט איהם, זיינען זיי אַריינגעקראָכען אין טענות איבער די אדישע רעליגיאָן (דאָ דערציילט שוין די אַראַבישע געשיכטע אַ ביסעל באָבע מעשה׳שע ניסים). סיי ווי סיי, ווי עס איז שוין דאָרטען געווען — עס איז אַזוי ווייט געקומען, דאָס דעם הימיארישען מלך אַבו קאַריבאַ איז די אידישע רעליגיאָן שטאַרק געפעלען געוואָרען און ער האָט זיך מיט זיין חיל מיט אַ גרויסען טהייל פון זיין פאָלק מגייר געווען.

די צוויי פרומע אידישע לומדים קאַאַב און אַסד האָט אַבו קאַריבאָ מיטגענומען קיין הימיאַריען, אַז זיי זאָלען לערנען זיין פאָלק די אידישע תורה און די אידישע רעליגיע. די איינוואָהנער פון די הויפט־שטאָט סאַנאַאַ האָבען אין אָנהייב אפילו געוואָלט מורד זיין אָן זייער מלך, פאַר וואָס ער האָט זיך גע׳שמד׳ט אויף אַ איד, אָבער דערנאָך האָט ער זיי אליין „איבערצייגט" אַז די אידישע רעליגיאָן איז די אמת׳ע (די אַראַבישע געשיכטע דערציילט דאָ אַז דורך אַ נס האָט ער זיי דאָס איבערצייגט) און אַללע איינוואָהנער פון הימיאַריען זיינען געוואָרען פרומע אידען.

און אין אַ בוך פון אַ שפאַנישען כריסטליכען גלח פון יענער צייט אין וועלכען עס איז בעשריבען ווי דיזער גלח האָט געהאַט אַ ויכוח מיט אידען שטייט, אַז ווען דער גלח האָט די אידען געפרעגט, ווי קענען זיי ניט גלויבען אַז יעזוס איז געווען משיח, ווען אין פסוק שטייט דאָך, אַז ביז משיח וועט קומען וועט ניט אויפהערען קיין אידישער הערשער, (לא

יסר שבט יהודה... עד כי יבא שילה) און היינט איז דאָך שוין נים דאָ קיין אידישער הערשער, כּוז דאָך זיין, אַז משיח איז שוין געקומען, — האָבען די אידען איהם געענטפערט, אַז דאָרט וויים אין אַראַביען, איז נאָך היינט (דאָס הייסט דאַמאָלס) אויך דאָ א אידישער הערשער. דאָס האָבען זיי געווים געמיינט דיזען אַראַביש אידישען מלך אַבו קאַריבאַ.

נאָך דעם טויט פון אַבו קאַריבאַ האָט געהערשט זיין זוהן דהו־נאָוואָס אויך אַ פרומער איד. דיזער קעניג איז געווען זייער טריי די אידען. ווען ער איז געוואָהר געוואָרען וואָס פיר שרעקליכע צרות זיינע גלויבענס ברידער אין וועסט־רוימישען (ביזאַנטישען) רייך שטייען זיך אויס פון די דאָרטיגע קריסטליכע רעגירונג, האָט ער זיך נוקם געווען אן ביזאַנטישע קריסטליכע סוחרים, וואָס זיינען דורכגעפאָהרען אין זיין לאַנד, און האָט זיי אומגעבראַכט.

ווי אַ פייל פון בויגען איז די נאַכריכט פון דיזע הינריכטונג פון קריסטליכע סוחרים דורך אַ אידישען מלך באַלד דורכגעפלויגען די גאַנצע קריסטליכע וועלט. די קריסטען האָבען ערקלערט די געטויטעטע קריסט־ליכע סוחרים פאַר הייליגע מערטירער וואָס האָבען זיך מוסר נפש געווען פאַר זייער הייליגען גלויבען, און דאָס האָט געבראַכט אויף דער אַראַביש אידישע מלוכה גרויסע מלחמות.

אין די מלוכה אַליין האָט זיך געפונען אַ קריסטליכע שטאָט מיט'ן נאָמען נאַגאַראַן. דורך פערשידענע געשיכטען איז דער אידישער קעניג דהו נאָוואָס מיט זיין חיל בעפאַלען דיזע שטאָט און האָט די איינוואָהנער געצוואונגען, מיט'ן שווערד אין האַנד, אָנצונעהמען די אידישע רעליגיאָן אַז נים האָט ער זיי געוואָלט אַלע אומברייננגען.

דאָס האָט די קריסטליכע מלכים זעהר אויפגעבראַכט. דער ביזאַנטי־שער קריסטליכער קייזער יוסטין דער ערסטער איז אַליין נים געגאַנגען מלחמה האַלטען געגען דהו נאָוואָס, „ווייל עס איז פאַר איהם צו וויים אהין", ווי ער האָט ערקלערט. ער האָט אָבער געשריבען צו דעם עטיאָ־פישען קעניג עלעסבאַא — אויך אַ קריסט — און ער, וואָס איהם איז די אידיש־הימיאַרישע מלוכה שוין סיי ווי סיי געווען אַ דאָרן אין די אויגען, איז געגאַנגען געגען דהו־נאָוואָס מלחמה האַלטען.

די שונאים האָבען געזיעגט. טויזענדער אַ־אַבישע אידען, אַלטע און נייע, זיינען אויסגעקוילעט געוואָרען. דער אידישער מלך דהו נאָוואָס, האָט זיך, ווי אַ וואַהרער קריגס העלד, אַליין דאָס לעבען גענומען, אום נים צו מוזען אַריינפאַלען אין די שונאים'ס הענד. ער האָט זיך צוזאַמען

מיט זיין פערד אַראָבגעוואָרפען פון אַ באַרג אין וואַסער אריין.

די „רעליגיאָן פון ליעבע און פערציייהונג" איז מיט שכור'ע בלוט־דורסטיגע זיעגעס־פריידע אריין אין די אידיש הימיאַרישע מלוכה, און די אַלטע און די נייע הימיאַרישע אידען, וואָס האָבען געקענט ניצול ווערען פון דעם מיט בלוט אָנגעזויפענעם שווערד פון קריסטענטהום, זיינען אַנטלאָפען און יינען פערמישט געוואָרען מיט אַנדערע אידען ערגעץ אין ד' אַזיאַטישע מקומות.

דאָס איז איינע פון די פיעלע געשיכטען פון די פערמישונג פון אַראַבישע שבטים צווישען אידען.

## V.

## די ערסטע אידען אין רוסלאַנד. איבערנאַכטיגע מלוכות.

דען אין אַזיען זיינען מיט די אידען שטאַרק פערמישט געוואָרען בלויז מענשען פון אַזעלכע אומות, וועלכע רעכענען זיך קרובים מיט די אידען, פון איין ראַסע, פון די סעמיטען, זיינען אָבער דערנאָך, אין זייער נייער היימאַטה, מיט זיי נאָך ווייטער פערמישט געוואָרען מענשען פון גאַנץ פרעמדע ראַסען אויך.

די נייע היימאַטה פון דיעזע אידישע אַראַבער און אַראַבישע אידען איז געוועזען — דאָס לאַנד וואָס הייסט איז רוסלאַנד.

אין אַלטע אידישע ספרים געפינט מען שוין, אז אין יאָהר ד' אלפים ת"נ (690 אין די כריסטליכע צייט רעכנונג) ווען די אַראַבער האָבען מלחמה געהאַלטען מיט די פערזער (פרסיים) און זיי איינגענומען זיינען אידען געוועזען אין א גרויסע צרה אין אַראַביען און אין פערזיען און מאַסען פון זיי זיינען אַנטלאָפען קיין רוסלאַנד (זעה ספר עמק הבכה פון ר' יוסף הכהן)

אויך פראָפעסאָר גרעץ שרייבט פון זיכערע קוועלען, אַז ארום אַנפאַנג פון 8־טען יאָהרהונדערט, ווען דער כריסטליכער קעניג פון ביזאַנטישען רייך, לעאָ, האָט די אידען שטאַרק פערפאָלגט און געצוואונגען צו דער שמד, זיינען אידען פון קליין אַזיען מאַסענווייז אויסגעוואַנדערט אויף דער קרים אינזעל און אין נאָך אַנדערע געגענדען ביי דעם קאַספישען ים — אין היינטיגען רוסלאַנד.

אין דיזע רוסישע געגענדען האָבען דיעזע ערסטע רוסישע אידען דאָן געפונען בלויז ווילדע ארומוואַנדערנדע נאָמאַדען שבטים פון די הוננישע אָדער טוראַניער ראַסע — פון איין משפחה מיט די היינטיגע אונגאַרן, פינען

און בולגארן — וועלכע האָבען געהאט אי'נגעוואנדערט אין די יאהרהונ־דערטע פון פעלקער וואנדערונגען. א טהייל פון זיי האָבען זיך דאָרט געהאט פערשיעדענע קליינע און גרויסע מלוכות און מלוכה'לעך, וועלכע זיינען ענטשטאנען און ווידער אונטערגעגאנגען — און א טהייל פון זי' האָבען געלעבט אלס אונאבהענגיגע פרייע נאמאדען שטעמע, וועלכע האָבען זיך ערנעהרט פון האָדאָווען בהמות, פאנגען חיות, פיש א.ז.וו.

ווי עס איז שוין אויבען בעמערקט געוואָרען, זיינען אין יענע צייט פון פעלקער־וואנדערונג ניט בעשטאנען קיין פעסטע שטענדיגע מלוכות. ווען מען וואָלט דאמאלס געוועזען געצייכענט אויף א לאנדקאַרטע די גרענעץ שטריכען צווישען די מלוכות און די אויפענטהאלטס־ערטער פון די אומות, וואָלט מען דיזע שטריכען נסדר געמוזט איבערשטעלען און איבערצייכנען פון דאנען אהער און פון דאָרטען אהין, אזוי אז די שריטכען פון די קאַרטע וואָלטען זיך געביטען און איבערגעשפרונגען, ווי די שריטכען פון א בליץ אין די וואָלקענס.

און אזוי גוט ווי די מלוכות זיינען ניט געוועזען פעסט איינסטאלירט נור האָבען זיך אָהן אויפהער געביטען, אזוי איז דאָס זעלבע אויך געוועזען מיט די רעליגיאָנען. די אלטע געצען און אָבגאטען דיענערייען האָבען ביי די „גרויסע לייט" שוין זייער האפט געהאט פערלוירען, און אזוי ווי אָהן א הימלישע רעליגיאָן איז גאָר ניט מעגליך געוועזען זיך צו בעגיין דאמאלס דעריבער איז געוועזען א יריד מיט רעליגיאָנען און אויף'ן מארק האָבע קאָנקורירט מיט זיך די כריסטליכע, די מאהאמעדאנישע און אויך — די אידישע רעליגיאָן.

---

VI.

## טונקעלע ידיעות פון אידישע מלוכות.

שוין ענדע פון'ם 9־טען יאהרהונדערט האט זיך ביי די אידען אין שפאניען און אין דייטשלאנד פערשפרייט א קלאנג, אז וויים הינטער די „הרי חשך" — הינטער די פינסטערע בערג, (דאָס האָט מען אייגענטליך געמיינט די קאווקאזישע בערג) געפינט זיך א שטאַרקע אידישע מלוכה אין דעם לאנד פון כוזרים.

דען אין יענע צייטען, ווען די גאנצע וועלט, אויסערהאלב דעם פלאץ וואו מען האט אליין געוואָהנט, האט זיך דער עולם פאָרגעשטעלט עפּעס ווי א אונבעגרייפליכער תהום אָהן א גרונד, אן אונבעוואוסטע פינסטערנים,

האָבען די אונגליקליכע ערנידריגטע און מאַכטלאָזע אידען זיך געזוכט טרייסט צו זייער ניעדעריגקייט אין דער פֿאַנטאַזיע, אַז ווער ווייסט אויב „ערגעץ דאָרטען", אין די „ווייטע אונבעוואוסטע מקומות" געפֿינען זיך ניט אידען וואָס זיינען שטאַרק און גרויס און האָבען זייער אייגענע מלוכה. בעזאָנדערס איז דיעזע פֿאַנטאַזיע אימער געלעגען ביי אידען אין קאָפּ צוליעב די ויכוחים, וואָס די קריסטען האָבען מיט זיי געהאַט וועגען דעם ענין פֿון אידישע הערשאַפֿט. עס געפֿינט זיך נעמליך אַ פסוק, (ווי עס איז שוין אויבען אָנגעצייגט געווען), אַז ווען יעקב אבינו האָט געבענשט די שבטים פֿאַר'ן טויט, האָט ער אין זיין ברכה צו יהודה נביאות געזאָגט, אַז ביז „משיח" וועט קומען (אַזוי טייטשט מען דעם פסוק „עד כי יבא שילה") וועט ניט אויפֿהערען קיין הערשער פֿון שבט יהודה. היינט, פֿלעגען די כריסטען טענה'ן, ווען איהר אידען זאָגט ווייטער, אַז יעזוס קריסטוס איז ניט געווען משיח און משיח איז אַלזאָ נאָך ניט געקומען, טאָ וואו־זשע איז יעצט אייער הערשער פֿון שבט יהודה? דיעזע ערגערענדע טענות פֿון די כריסטען, די איינציגע אויף וועלכע די אידען האָבען ווירקליך ניט געוואוסט וואָס צו ענטפֿערען, האָט ביי די לעטצטע געשטאַרקט זייער פֿאַנטאַזיע, אַז עס מוז זיכער זיך ערגעץ געפֿינען אַ אידישע מלוכה, מיט אַ מלך פֿון מלכי בית דוד, דאָס הייסט אַלזאָ פֿון שבט יהודה.

דיזע „אידישע מלוכה" האָבען די אידען אַזוי געזוכט, ווי די אַלכעמיסטען האָבען געזוכט דעם „שטיין פֿון די חכמים", ווי די טעכניקער— דעם פערפעטואום מאָבילע (די מאַשין וואָס קען גיין אייביג אָהן נייע קראַפֿט איהר צו צוגעבען), ווי די מאַטהעמאַטיקער — דעם קוואַדראַט פֿון צירקעל, און ווי די קריסטען — די לעגענדאַרישע מלוכה פֿון פריסטער אָהאַנעס. ניט איין בית המדרש בטלן האָט גענומען די טאָרבע מיט'ן שטעקען אין האַנד און איז אַוועק זוכען „די אידישע מלוכה"; ניט איינער פֿון אַזעלכע וואַנדערער איז פֿון די שטאַרקע איינבילדונג פֿערריקט געווארען און איז געקומען און האָט דערציילט וואונדער פֿון דעם מעכטיגען אידישען רייך, וועלכעס ער האָט געזעהען —— אין זיין איבערשפאַנטע קראַנקהייטליכע איינבילדונג, און אויך ניט איין שווינדלער האָט בענוצט דיזע פֿאַנטאַזיע, אום צו קומען אָנגעטאָן אין פאָיאַצישע קליידער און צו רעדען אַך־קך־לשון־קודש און צו זאָגען, אַז ער קומט גלייך פֿון הינטער די הרי חשך, און ער איז אַ שליח פֿון זיינער מאַיעסטעט רבי טאָדרעס דער I, מלך פֿון די רויטע אידעלעך.

מאגבע פון אַזעלכע וואַנדערער, פערריקטע און שווינדלער, איז אָבער ייער שטות טיילווייז געראָטען: קריבענדיג אין אַלדע שוואַרץ יאָהר זוכען דעם נעכטיגען טאָג, האָבען זיי דערווייל טאַקי ענדעקט מערקווירדיגע זאַכען, און צווישען זייערע איינבילדונגען און ליגענס. וואָס זיי האָבען אָנדערציילט פון זייער רייזע, האָט זיך אַ מאָל געקענט געפינען אַ קערענדיל וואַרהייט.

אַזעלכער איז געווען אלדד הדני.

רבי אלדד בן מחלי האָט זיך פלוצלונג אין יאָהר 800 בעוויזען צווישען די אידען אין עגיפטען און איז דערנאָך אַרומגערייזט צווישען די אידען פון אומעדום. פון וואַנען ער איז אין אמת'ן געווען, ווייס מען עד היום ניט. נור געזאָגט האָט ער, אַז ער איז פון דעם שבט דן (דעריבער האָט ער זיך דאָס גערופען אַלדד „הדני"), וועלכער האָט אַ'ן אייגענע מלוכה אין לאַנד כוש (עטיאָפיען). ער האָט דערציילט מערקווירדיגע וואונדער וועגען די עשרת השבטים — (די 10 אידישע שבטים פון מלכות ישראל, וועלכע זיינען נאָך פריהער פערטריבען געוואָרען פון ארץ ישראל ווי די ערסטע מלכות יהודה און וואָס מען ווייס עד היום ניט, וואו זיי זיינען אַהינגעקומען.)

ער האָט דערציילט, אַז די אַלע 10 שבטים האָבען אייגענע מלוכות אין פערשיעדענע מקומות. ער, האָט ער געזאָגט, איז ביי זיי אַלע געוועזען דער מלך פון זיין מלוכה, פון שבט דן, הייסט, האָט ער געזאָגט, עוזיאל. אויך האָט ער דערציילט, אַז עס געפינט זיך ערגעץ אַ טייך סמבטיון, וועלכער וואַרפט מיט שטיינער אַ גאַנצע וואָך און אין שבת רוהט ער (פון איהם שטאַמט דאָס דיזע באָבע מעשה) און אויף יענע זייט סמבטיון געפינט זיך אַ אידישע מלוכה פון די „בני משה". און דער שבט שמעון און דער האַלבער שבט מנשה — האָט ער געזאָגט, האָבען אַ מלוכה דאָרט הינטער די הרי חשך (די קאַווקאַזישע בערג, אַלזאָ אין רוסלאַנד), אין דעם לאַנד פון די כוזרים.

מען זעהט פון די באָבע מעשיות פון דיזען שווינדלער, אַז ער איז טאַקי אַרומגערייזט אין זעהר אַ סך מקומות, און כמעט יעדע פון זיינע ליגענס איז געווען געגרינדעט אויף אַ האָר אמת, — און אַזוי איז עס אויך געווען מיט זיין ליגען וועגען די מלוכה פון שבט שמעון אין לאַנד פון די כוזרים, אויף יענע זייט הרי חשך, — ווי מיר וועלען באַלד זעהען.

## VII.

# דער ספר הכוזרי

פון אַ געשיכטע מכוח א אַידישע מלוכה פון די „כוזרים" (ריכטיג: כאַזאַרען) ווייסט זעדער איד, וועלכער איז נור אַ שטיקעל יודע ספר. ער ווייס דאָס פון דעם בעוואוסטען ספר הכוזרי. אָבער קיין פראָסטער ניט־געבילדעט איד ווייס, אויב די מעשה איז אמת אָדער ניט.

דער ספר הכוזרי איז פערפאַסט געוועז אין אַראַביש אין אָנהייב פון 12 טען יאָהר־הונדערט פון דעם בעריהמטען גרויסען העבראַישען דיכטער און פילאָזאָף ר' יהודה בן שמואל הלוי פון אַלט קאַסטיליען, שפאַניען (געבוירען אין יאָהר 1086). און איז איבערזעצט געוואָרען פון אַראַביש אויף לשון קדש דורך ר' שמואל אבן תיבן.

אין דיעזען פילאָזאָפישען ספר ווערט אַפילו דייטליך דערציילט פון אַ „מלך כוזר" וואָס האָט זיך מגייר געוועזן מיט אַ גרויסע פאָלקס מאַסע פון די כוזרים (והתיהד בסוף הוא ועם רב מהכוזרים). דער אינהאַלט פון דעם ספר איז אָבער ניט קיין געשיכטליכער, נור אַ פילאָזאָפישער ויכוח איבער די אידישע רעליגיאָן, און דער „מלך כוזר" ווערט דאָס דאָרט פאָרגעשטעלט, אַלס דער מאַן וואָס האָט אַ ויכוח מיט אַ גרויסען אידישען פילאָזאָף, וועלכער ווערט אין דעם ספר אָנגערופען דער „חבר" (דאָס ווערט געלעזען „חאָווער"—דער געלעהרטע, ניט „חאַווייר"—אַ קאַמעראַד) און אין דעם וויכוח איבערצייגט דער חבר דעם מלך כוזר אין די וואַהרהייט פון די אידישע רעליגע און ער, דער מלך, ווערט אַ איד.

„מען האָט מיך געפרעגט — הייבט אָן דער פערפאַסער, ר' יהודה הלוי — וואָס איך האָב עפּעס צו ענטפערען און צו בעווייזען די פילאָזאָפען און די אַפּירקוסים און די אַנהענגער פון אַנדערע רעליגיאָנען און די קאַראַאימער. א. ז. וו. וועלכע פרעגען אַלץ קשיות אויף די אידישע

רעליגיע. האָב איך מיך דערמאָנט וואָס איך האָב שוין לאַנג געהערט פֿון די טענות וואָס דער חבר האָט געהאַט מיט דעם מלך כוזר, וועלכער האָט אָנגינומען די אידישע רעליגיע מיט אַ׳ן ערך 400 יאָהר צוריק, אַזוי ווי עס איז דערמאָנט און בעוואוסט אין די געשיכטליכע ביכער. דיזער מלך פֿון די כוזרים האָט עטליכע מאָל געזעהען אין חלום ווי אַ מלאך רעדט מיט איהם און זאָגט צו איהם: „דיין כונה איז זעהר אָנגענומען ביי גאָט, אָבער דיינע פֿיהרונגען זיינען ניט אָנגענומען (כונתך רצויה אצל הבורא, אבל מעשיך אינם רצוים). און ער (דער מלך) האָט זעהר שטאַרק אָבגעהיטען די רעליגיאָן פֿון די כוזרים און ער איז זאָגאַר אַליין געווען אַ פּריסטער און האָט אַליין געפֿיהרט דעם געצען־דיענסט אין טעמפּעל און אַליין מקריב געווען קרבנות צו זייערע געטער. און ווי שטאַרק און פֿרום ער האָט ניט אָבגעהיטען די דאָזיגע צערעמאָניעס, פֿלעגט אַלץ דער מלאך צו איהם קומען ביי נאַכט און זאָגען דאָס זעלביגע; „דיין כונה איז ביי גאָט אָנגענומען, אָבער דיינע מעשים זיינען ניט אָנגענומען”.

„דאָס האָט דעם מלך געבראַכט נאָכצופֿאָרשען וועגען פֿערשיעדענע רעליגיאָנען, צו זעהען וועלכע עס איז די ריכטיגע, ביז ענדליך איז ער געוואָרען אַ איד מיט אַ גרויסע פֿאָלקס מאַסע פֿון די כוזרים”.

„איך האָב מיך געסטאַרעט (אין דעם ספֿר) צו בעשרייבען די זאַכען (דעם וויכוח צווישען דעם מלך כוזר און דעם חבר) אַזוי ווי דאָס איז פֿאָרגעקומען. און די קלוגע וועלען שוין פֿערשטיין”.

וויטער בעשרייבט ער, ווי דער מלך כוזרי האָט גערופֿען צו זיך אַ פֿילאָזאָף און האָט געפֿרעגט זיין מיינונג איבער די רעליגיאָנען, האָט דער פֿילאָזאָף איהם ערקלעהרט, אַז אַלע רעליגיאָנען זיינען נור איינביל־דונגען (דער פּערפֿאַסער שטעלט פֿאָר, ווי דער פֿילאָזאָף ערקלערט דאָס טיעף פֿילאָזאָפֿיע). דעם מלך כוזר איז זיין מיינונג ניט געפֿעלען געוואָרען דערנאָך האָט ער גערופֿען צו זיך אַ מוהאַמעדאַנישען גלח, און אַ כריסט־ליכען גלח. יעדער פֿון זיי האָט איהם ערקלעהרט די חכמות פֿון זיין רעליגיאָן: אָבער דער מלך כוזר איז אַלץ ניט צופֿריעדען געווען, ער האָט אַלץ געהאַט קשיות צו פֿרעגען געגען זיי. ענדליך האָט ער גערופֿען דעם אידישען חבר, און דא הייבט זיך ערסט אָן דער עיקר אינהאַלט פֿון דעם ספֿר, עס ציהט זיך אַוועק אַלאַנגער לאַנגער ויכוח צווישען מלך כוזר און דעם חבר. דער מלך פֿרעגט ביים חבר „אַלע” קשיות וואָס אַפּיקורסים און פילוסופֿים און קריסטען און מוהאַמעדאַנער און קאַראַאימער פֿרעגען אויף די אידישע גמרא רעליגיאָן, און דער חבר ענטפֿערט איהם אויף דעם אַלעם תירוצים, און

דער מלך כוזר איז אַלץ צופרידען מיט די תירוצים, ביז ער ווערט אַ איד.*)

יעדער קען זעהען, אַז דער פּערפאַסער ר' יהודה הלוי האָט דאָ אין דעם בוך דער עיקר נור געוואָלט פאָרשטעלען זיינע אייגענע תירוצים אויף די קשיות געגען זיין רעליגיאָן און זיינע אייגענע פילאָזאָפישע געדאַנקען, נור פון שיינקייט וועגען האָט ער דאָס פאָרגעשטעלט, אַזוי ווי דאָס וואָלט געזאָגט דער חבר אין אַ ויכוח מיט דעם מלך כוזר. אָבער צו די מעשה איז אמת דאָס האָבען אַפילו די אידישע ווילדע מאמינים,— וועלכע זיינען דאָך זיכער, אַז אַלץ וואָס עס שטייט נור געשריבען אין זייערע ספרים, קען גאָר ניט זיין קיין משל, אָדער אַ'ן אַלעגאָריע, אָדער אַ פאַנטאַסטישע שילדערונג, — נור אַלץ איז אמת ויציב אָט אַזוי ווי עס שטייט געשריבען טאַקי ווערטערליך,—אַפילו דיזע מאמינים האָבען אַליין ניט געוואוסט אויף קלאָר, צו דאַרפען זיי גלויבען טאַקי די מעשה מיט דעם מלך כוזר, אָדער דאַרפען זיי דאָס אָננעהמען פאַר בלויז אַ משל.

און דעם אמת זאָגענדיג, ווען דער שרייבער פון דיזע אַרטיקעל איז געווען אַ פרומער למדן, האָט ער ניט געגלויבט, אַז די גאַנצע מעשה זאָל זיין אמת.

אויך די געלעהרטע פאָרשער האָבען ביז אָנפאַנג פון דעם היינטיגען יאָהר־הונדערט געהאַלטען די מעשה מיט די כוזרים פאַר אַ לעגענדע. אָבער שפּעטער האָבען די פאָרשער אַרויסגעפונען פון אַלטע אַראַבישע דאָקומענטען און ביכער, פון אַלטע רוסישע שריפטען און פון נאָך פילע אַנדערע קוועלען, אַז די מעשה איז טאַקי גאַנץ זיכער, אָהן שום צווייפעל אמת.

*) דאָ איז ניט דער אָרט אויפצוּ־ווייזען ווי די פוסטע פילאָזאָפיע פון דעם חבר, אָדער ריכטיגער פון דעם וואָס שטעלט איהם פאָר, פון דעם פערפאַסער ר' יהודה הלוי, האָט קיין ברעקעל האַפט ניט. דער גרונד פון די גאַנצע חכמה בעשטייט אין דעם, דאָס די אידישע רעליגיאָן שטיצט זיך „אויף לעבעדיגע פאַקטען", אויף נסים און וואונדער וועלכע אַלע אידען האָבען געזעהען מיט זייערע אייגענע אויגען"(!)," דעריבער פאַלען אַלע קשיות אַוועק. אַ פאַקט קען קיינער ניט אָבלייקענען. אַי איך פערשטיי ניט דעם פאַקט און עס איז מיר עפּעס קשה אין איהם? דאָס נעהמט דאָך אָבער ניט אַוועק, אַז דער פאַקט איז פאָרט אַ פאַקט און ווען מיר פערשטייען איהם ניט, איז עס דערפאַר, וואָס אונזער שכל איז צו קליין. אָט דאָס איז דער גרונד פון דעם חבר'ס פילאָזאָפיע. יעדער קען נאַטירליך גלייך זעהען, וואו דער סאָפיסטישער פלאָקען שטעקט דאָ. אָבער דאָך מוז מען צוגעבען, אַז דאָס גאַנצע בוך איז זעהר טיעף פילאָזאָפיש און פערדיענט דעם גרעסטען רעספּעקט. נור ניט דאָס זיינען מיר דאָך דאָ אויסען.

דאָ איז ווידער ניט דער פּלאַץ צו ערקלערען, ווי אַזוי די פֿאָרשער האָבען דאָס אַרויסגעפֿונען און וואָס זייערע אבזאלוט אונצווייפֿעלהאַפֿטע בעווייזע זיינען. איך וועל דאָ אַלזאָ גלייך איבערגיין צו דערציילען די וואונדערליכע געשיכטע מיט די אידישע מלוכה פֿון די כוזרים, לויט ווי זי ווערט צוזאַמענגעשטעלט פֿון די נייעסטע געשיכטספֿאָרשער, נאָך די פֿערשיעדענע דאָקומענטען, וואָס זיי האָבען ענדעקט.

---

## VIII.

## די אידישע מלוכה אין רוסלאַנד.

(די „כוזרים", כאַזאַרען, און ווי אַזוי זיי זיינען געוואָרען אידען)

נאָך דעם ווי די מלוכה פֿון די הוננען איז פֿונאַנדערגעפֿאַלען און די הוננישע ראַסע זיינען, אין יענע צייטען פֿון די פֿעלקער־וואַנדערונגען, זיך צו־וואַנדערט איבער פֿערשיעדענע געגענדען פֿון די אַלטע וועלט (וואו פֿון זיי זיינען אַרויסגעקומען די היינטיגע אונגאַרן, בולגאַרען, פֿיננען), האָבען זיך עטליכע שבטים פֿון זיי בעזעצט ביי די גרענעץ צווישען אַזיען און אייראָפּאַ, אין דעם לאַנד וואו היינט זיינען די קאַווקאַזישע פּראָווינצען אין רוסלאַנד, צווישען דעם קאַספּישען און דעם אַזאָווישען ים ביי דער וואָלגאַ נאָהענט פֿון אַסטרכאַן.

פֿון דיזע שבטים האָט זיך שפּעטער ענטוויקעלט אַ גרויסע (פֿיר יענע צייט) מעכטיגע מלוכה מיט'ן נאָמען „די מלוכה פֿון די קאָזאַרען", אָדער „כאַזאַרען"*). דער קאַספּישער ים האָט ביי זיי געהייסען „דער ים פֿון די כאַזאַרען". זייערע מלכים האָבען זיי גערופֿען מיט'ן טיטעל כאַגאַנען (אָדער כאַהאַגען מסתמא פֿון דעם וואָרט כהנים). אונטער די אָנפֿיהרונג

---

*) אין די אידישע ספֿרים ווערען זיי אָנגערופֿען „כוזרים" און די אידען לעזען דאָס KUSRIM דאָס איז אָבער פֿאַלש. אין דעם אַראַבישען אָריגינאַל פֿון ספֿר הכוזרי ווערט דאָס געשריבען: „חאַזאַרים", אין די אַלטע רוסישע שריפֿטען — „קאָזאַרי", און דאָס העברעאישע וואָרט „כוזרים", דאַרף אויסגעשפּראָכען ווערען „קאָזאַרים". דער „ו", וועלכער איז אין דעם וואָרט אַ „חולם" [O], ווערט על פּי טעות געלעזען אַלס מלאופּים [U], פּונקט ווי די צוויי וואָווען אין דעם וואָרט „פֿילוסוף", וועלכע זיינען אויך חולם'ס און דאָס וואָרט מאַכט— ריכטיג ווי אין אַלע שפּראַכען— „פֿילאָסאָף", און אידען לעזען דאָס PILUSUF [אָדער נאָך די פּויליש־אידישע אויסשפּראַכע פֿון דעם מלופּים PILISIF] האַלטענ־דיג דיביידע וואָווען פֿאַר מלופּים'ס און די „פּ" פֿאַר אַ „פֿ".

פון דיזע כאַגאַנען האָבען די כאַזאַרען געפיהרט שטענדיגע מלחמות מיט די אַנדערע איינוואָהנער פון יענע סטעפעס און האָבען איינגענומען איין מלחמה נאָך די אַנדערע ביז זיי זיינען געוואָרען אַ שטאַרקע מלוכה. די פרסיים (פערזער) האָבען אַזוי מורא געהאַט פאַר די שטאַרקע כאַזאַרען, אַז איינער פון זייערע מלכים, האָסרו, האָט געפונען פאַר נייטיג צו פערמויערען אַלע דורכגענגע צווישען די קאַווקאַזישע בערג און דעם ים מיט אַ פעסטע מויער, כדי די כאַזאַרען זאָלען ניט קענען צו זיי דורכגיין. דיזע מויער, וועלכע האָט ביי זיי געהייסען „באַב אַל אַבוואַב" (דער שלאָס פון די שלעסער), איז אָבער אויך ניט גענוג שטאַרק געווען געגען די טאַפּפערע כאַזאַרען. נאָך דעם אונטערגאַנג פון די אַלטע פערזישע מלוכה זיינען די כאַזאַרען אַריבער איבער די קאַווקאַזישע בערג, זיינען אַריין אין אַרמעניען, האָבען איינגענומען דעם קרימישען האַלב-אינזעל, וועלכער האָט דעריבער אַ לאַנגע צייט זיך גערופען „כאַזאַריען". (אויף רוסיש „קאָזאַריאַ").

די ביזאַנטישע קייזאָרים האָבען געציטערט פאַר די כאַזאַרען, האָבען זיך צוגע-חנפ׳עט צו זיי און האָבען זיי געצאָהלט פאָראַטקעס׳ כדי צו שטילען זייער חשק איינצונעהמען קאָנסטאַנטינאָפעל. די בולגאַרען און אַנדערע אומות זיינען געווען אונטערוואָרפען אונטער די הערשאַפט פון די כאַזאַרען. די ק י ע וו ע ר, וואָס פון זיי זיינען אַרויסגעקומען די היינטיגע רוסען, האָבען אַלע יאָהר געשיקט די כאַזאַרען פאַר אַ מתנה אַ שווערד מיט אַ פיינעם פעלץ, כדי זיך צו חנפ׳ענען צו זיי, זיי זאָלען זיך צו זיי ניט טשעפען. מיט די אַראַבער האָבען די כאַזאַרען כסדר געפיהרט בלוטיגע מלחמות.

אַ חוץ די קלאַסע קריעגער זיינען ביי די כאַזאַרען אויך געווען קלאַסען וואָס האָבען זיך בעשעפטיגט מיט בעאַרבייטען די פעלדער און מיט האָדעווען בהמות. זייער אַרט לעבען איז געווען איינפאַך. זיי האָבען זיך ערנעהרט מיט רייז און פיש און האָבען געוואוינט אין פאָלאַטקעס. נור דער כאַגאַן — דער מלך—האָט געהאַט אַ פּאַלאַץ ביי דער וואָלגאַ. די הערשאַפט פון דעם כאַגאַן איבער זיין פאָלק איז געווען אָהן אַ גרענעץ. די כאַזאַרען האָבען זייערע כאַגאַנעם געהאַלטען הייליג, ווי האַלבע געטער ווען דער כאַגאַן האָט איינעם פון זיינע אונטערטהאַנען גע׳פסק׳עט צום טויט, האָט דער פערמשפט׳ער גאַנץ אונטערטעהניג זיך אַליין דאָס לעבען גענומען. דער היילינער כאַגאַן האָט זיך ניט אַראָבגעלאָזט צו פיהרען אַליין די רעגיערונג. נור ער האָט געהאַט אַ׳ן אונטער-קעו נ (אַ שני למלך)

וועלכער-האָט געהאַט ביי זיי דעם טיטעל פּ ע ג. אָדער פּ ע ה. און דיעזער האָט געפֿיהרט די גאַנצע מלוכה. ביסלעכווייז האָט עס זיך אַזוי ווייט ענטוויקעלט. אַז די פּעג׳ס זיינען געוועזן די אייגענטליכע מלכים, און די כאַגאַנעס זיינען נור געלעגענטאָג און נאַכט אין הארמס (ווייבער פּאַלאַצען) און האָבען געהולטאַיעט.

געדיענט האָבען די כאַזאַרען אַ גאַנץ נאַרישע און גראָבע עבודה זרה, אַ רוהן געצען דיענסט, אַזוי ווי זייערע שכנים די בולגאַרען און קיעווער (רוסען). אין די הויפּט-שטאָט פֿון די כאַזאַרען מלוכה, אין באַלאַנגאַר, פֿלעגען אָפּט קומען אַראַבישע און גריכישע קויפֿלייט, אום דאָרט איינצוביימען די פּראָדוקטען פֿון זייערע לענדער אויף טייערע פּוטער וואָס דיא כאַזאַרען האָבען געהאַט. — פֿון דיעזע אַראַבישע און גריכישע סוחרים האָבען דיא כאַזאַרען געהערט דערציילען פֿון די קריסטליכע און מוהאַמעדאַנישע רעליגיאָנען.

אויך א י ד ע ן פֿלעגען קומען אין דיא כאַזאַרען מדינה, טייל פֿון זייא גאלם סוחרים, אַ טייל ווייטער זיינען דאָרט אַהין אַנטלאָפֿען פֿון דיא רדיפֿות פֿון דעם פֿרומען ביזאַנטישען כריסטליכען קייזער ל ע אָ, וועלכער האָט זיי דוקא געוואָלט נייטען צו די שמד (אין יאָהר 723 פֿון דיא כריסטליכע צייט).

דורך דיעזע גריכישע און אַראַבישע אידען זיינען די כאַזאַרען אויך געוואָהר געוואָרען פֿון די אידישע רעליגיאָן. אין דעם קעניגליכען הויף פֿון די כאַזאַרען זיינען אידען געוועזן זעהר אָנגעזעהען׳ זיי האָבען דאָרט געדיענט אַלס איבערזעצערס, דאָקטוירים און עצה-געבערס. בעזאָנדערס זיינען זיי געוועזן בעליעבט ביי דעם כאַגאַן ב ו ל אַ ן, וועלכער האָט געהערשט אין כאַזאַרען-לאַנד אין די ערסטע העלפֿט פֿון דעם 8-טען יאָהרהונדערט.

דיעזע כאַזאַרען מיט זייערע כאַגאַנעס זיינען דערנאָך געוועזן אידען — אין דעם איז קיין צווייפֿעל ניט דאָ. נור ווען און ווי אַזוי זיי זיינען געקומען דערצו צו ווערען אידען, — וועגען דעם געפֿינט מען ניט קיין זיכערע בעשרייבונגען. אַ שפּעטערער כאַזארישער כאַגאַן האָט דערציילט די געשיכטע פֿון די כאַזאַרען׳ס מגייר-זיין-זיך אויף אַזאַ אופֿן:

דעם כאַזאַרישען מלך בולאַן איז שטאַרק פֿערמיאוסט געוואָרען די נאַרישע גראָבע עבודה-זרות און ער האָט זיין פֿאָלק שטרענג פֿערבאָטען ניט מעהר צו דיענען די געצען פֿון זייערע אבות. נור קיין אנדער רעליגיאָן האָט ער זיך נאָך ניט אויסגעקליבען. אזוי פֿיעל איז ער שוין זיכער

געוועזן, אַז עס זיינען ניטאָ קיין סך געטער, נור איין גאָט אין הימעל, אָבער וועלכער גאָט דאָס איז, צו דער אידישער, צו דער קריסטליכער, צו דער מוהאַמעדאַנישער — (אַלע דריי רעליגיאָנען זיינען איהם, ווי געזאָגט, געוועזן בעקאַנט) — דאָס האָט ער זיך נאָך ניט געהאַט בעשלאָסען.

מיט א מאָל איז אַ מלאך געקומען צו חלום צום מלך בולאַן און האָט איהם צוגעזאָגט, אַז ווי באַלד ער וועט אָננעהמען דיא אמת'ע רעליגיאָן וועט ער האָבען הצלחה אין זיינע מלחמות מיט דיא אַראַבער און גאָט וועט איהם שיינקען עשירות און כבוד און גדולה. און דער זעלביגער חלום האָט זיך אויך דעם פּעג, דעם שני למלך גע'חלום'ט. באַלד דערנאָך האָט דער מלך בולאַן געוואונען אַ גרויסע מלחמה מיט די אַראַבער און האָט איינגענומען זייער פעסטונג אַ ר ד ע ב י ל (דאָס איז געוועזן אין יאָהר 731). ווען דער כאַגאַן בולאַן מיט זיין פּעג זיינען צוריקגעקומען פון די מלחמה, זיינען זיי געוועזן זיכער, אז דער גאָט פון חומש האָט זיי געהאָלפען איינ־נעהמען די מלחמה, און זיי האָבען בעשלאָסען, עפענטליך אָנצונעהמען אַ ביבלישען גלויבען. (דער „מלאך" איז הפּנים געוועזן אַ ביבלישער...)

ווי דער קריסטליכער קייזער פון ביזאַנטישען רייך און דער מאַהאָ־מעדאַנישער כאַליף (מלך) פון דעם דאַמאַלס' אַראַבישען שפּאַניען האָבען דאָס געהערט, האָט יעדער פון זיי געוואָלט אויספיהרען, אַז דער מעכטי־גער מיט נצחון בעקרוינטער כאַזאַרישער מלך זאָל אָננעהמען זיין רעלי־גיאָן, און יעדער פון זיי האָט געשיקט צו איהם טייערע מתנות און גרויסע גלחים פון זיין רעליגיאָן, איהם צו צו ריידען זי אָנצונעהמען...

און דער כאַגאַן בולאַן האָט זיי פיין צוגענומען און האָט מיט זיי אָבגעמאַכט, אַז דער כריסטליכער גלח מיט דעם מוהאַמעדאַנישען גלח מיט אַ אידישען רב זאָלען אַלע דריי פאַר זיינע אויגען האָבען אַ ויכוח איבער זייערע רעליגיאָנען, און פון דעם ויכוח וועט ער זעהען, ווער פון זיי עס איז גערעכט.

לאַנג, לאַנג האָבען די דריי פאָרשטייער פון די דריי רעליגיאָנען זיך מפלפל געוועזן און אַליץ זענען זיי צו קיין קיין טאָלק ניט געקומען, און קיינער פון זיי האָט דעם כאַגאַן ניט געקענט איבערצייגען. ווי דער כאַגאַן האָט געזעהען, אַז דאָס איז א מעשה אָהן אַ'ן עק, האָט ער זיך אַזוי מישב געווען; ער האָט אוועקגערופען דעם כריסטליכען גלח אונטער פיער אויגען און האָט איהם געפרעגט: „וועלכע פון די אנדערע צוויי רעליגיאָנען איז דיר ליעבער' די אידישע אָדער די מוהאמעדאַנישע?", האָט ער געענטפערט: איידער די מוהאַמעדאַנישע איז שוין גלייכער די אידישע. דערנאָך

האָט ער אַוועקגערופען דעם מוהאַמעדאַנישען גלח און האָט איהם אויך געפרעגט דיעזעלבע פראַגע. האָט ער אויך געענטפערט: „איידער דער כריסטליכער גלויבען איז שוין בעסער דער אידישער". און אַזוי ווי ער האָט נאָך דערצו געזעהען אין דעם ויכוח, אַז אַי דער מוהאמעדאַנישער אי דער כריסטליכער זיינען ביידע מודה, אז דער אידישער תנ"ך איז פון גאָט, נור זייער מחלוקה איז בלויז, צו האָט גאָט דערנאָך געגעבען אַ'ן אַנדערען גלויבען דורך יעזוס אָדער מוהאמעד, קומט דאָך אויס, אַז אלע זיינען סיי ווי סיי מודה אָן די אידישע רעליגיאָן, דעריבער האָט ער געפסק'ענט, אַז ער נעהמט אָן די אידישע אמונה.

פון אנדערע קוועלען זעהט מען, אַז דער כאַגאַן בולאַן האָט זיך דאַמל געווען און האָט דאָס זעלבע געהייסען טאָן אלע זכרים פון זיין הויף. דער אידישער רב וואס איז געווען ביי דעם ויכוח, זאָל זיין געווען א געוויסער ר' יצחק סנגרי, און ער זאָל דאָס זיין דער „חבר" פון ספר הכוזרים.

באלד האָבען 4 טויזענד גרויסע לייט פון כאזאַרען לאַנד אָנגענומען די אידישע אמונה. און נאָכדעם האָבען באלד, ווי דער שטייגער איז, אנדערע אָנגעהויבען די גרויסע לייט נאָך צו טאַנצען, און ביסלעך־ווייז האָט זיך די אידישע אמונה פערברייט אין גאנצען כאַזאַרישען פאָלק. דאָס רוב איינוואָהנער פון די שטעט זיינען געווען אידען, דאָך, די סאָלדאַטען זיינען געווען געדונגענע מוהאמעדאַנער. אויך עטליכע אנדערע מלכים פון קליינע אומות פון יענע געגענד, וועלכע זיינען געווען אונטערטעניג אונטער דעם כאַגאַן פון די כאזארען, האָבען מסתם אָנגענומען די אמונה פון זייער אויבער־האַרר. פון איינעם פון דיעזע קעניגע, דער מלך פון „סעמענדער" מעלדעט די געשיכטע בפרוש, אז ער האָט אָנגענומען דעם אידישען גלויבען.

אין די ערשטע צייט האָט מכתמא קיין סך אידישקייט אין די נייע אידען ניט געשטעקט. זייער אידישקייט איז געווים בעשטאַנען בלויז אין דעם דאָס זיי האָבען געגלויבט אין עטליכע אידישע דומהייטען, אָבער דאָס האָט ניט איבערגעמאַכט זייערע פריהעריגע מידות און מנהגים' ערסט אין אַ לאַנגע צייט אַרום, ווען זיי האָבען שוין גאָר פערגעסען פון וואַנען זייער ביסעל אידישקייט נעהמט זיך, האָט זייער מלך עובדיא איינגעלאַדען גרויסע אידישע רבנים, האָט זיי געגעבען רייכען געהאַלט און געבויט שולען און בתי מדרש'ים, און דיעזע רבנים האָבען דאָס כאַזאַרישע פאָלק געלערענט די אידישע תורה און מנהגים. פון אַלטע אַראבישע שריפטען זעהט מען, א די אידישע אמונה האָט דערנאָך פערענדערט די זיטטען פון ד באַזאַרען. די געצען־דיענערשע כאַזלעאַרע פנגען, צום ביישפיעל, פערקויפע

זייערע קינדער פאַר שקלאַפען, די אידישע האָבען שוין דאָס ניט געטאָן.
נאָך דעם מלך עבודיא האָבען נאָך געקעניגט אין כאַזאַרען-לאַנד נאָך א סך אידישע מלכים. נאָך א געזעץ פון דעם לאנד האָט נור א איד געמעגט זיין א כאַגאַן. די אידישע כאַגאַנען האָבען אבער אַנדערע רעליגיאָנען ניט פערפאָלגט. אַלע אמונות האָבען געהאַט גלייכע רעכטע אין דער מדינה. עס איז געווען אַ'ן אָבערסטער בית דין, אָדער געריכטס-הויף, וועלכער איז בעשטאַנען פון 7 שופטים; צוויי אידישע, פיר די אידישע בעפעלקערונג, צוויי מוהאַמעדאַנישע, און צוויי כריסטליכע, פיר זייערע גלויבענס-גענאָסען, און איין ריכטער א געצען-דיענערישער, צו משפט'ען די געצען-דיענערישע בולגארען און רוסען. יעדער איינוואָהנער פון לאַנד איז גטמשפט געוואָרען נאָך די דינים פון דער אמונה.
מיט די הויפט אידישע בעפעלקערונג, וועלכע איז דאמאָלס געווען אין שפאניען, האָבען די כאַזאַרען קיין שום מגע-ומשא ניט געהאַט, און ווער ווייס אויב זיי האָבען גאָר געוואוסט פון זיי.

## IX.

## ווי די אידען ווערען געוואהר פון די מלכות כוזרים

---

איבער 2 הונדערט יאָהר זיינען אַוועקגעגאנגען און די פעראכטעטע, שפל'ע און פערפאָלגטע אידעלעך פון דעם ברייטען גרויסען גלות האָבען נאָך אלץ קיין ברעקעל ידיעה ניט געהאַט, אז עס געפינט זיך ערגעץ א מעכטיגע אידישע מלוכה. ערסט ווען עס האָט זיך בעוויזען דער רייזענדער אלדד הדני און ער האָט דערציילט פון די אידישע מלכות כוזרים. ער האָט אָבער געזאָגט אז דיזע מלוכה בעשטייט פון עכטע אידען, פון יעקב'ס קינדער, פון י עשרת השבטים, און דאָס אי' ניט אמת. די לעגענדע וועגען דעם האָט אַזוי פערציילט:
„וויט, וויט, הינטער די „הרי חשך" (דאָס האָט מען געמיינט ווי שוין בעמערקט, די קאווקאזישע בערג), וואוינען דיענער פון לעבעדיגען גאָט פון אברהם, הייליגע אידען, וואָס קומען ארויס פון אברהם אבינו, פון שבט שמעון און א האלב שבט מנשה, וועלכע זיינען אַזוי שטארק, אז 25 אומות זיינען צו זיי אונטערטעהניג און צאָהלען זיי מס און מכס".
ספר אלדד הדני).

עס פֿערשטייט זיך, אז די אונגליקליכע אידען פֿון גלות האָבען מיט'ן גאנצען האַרצען בעגעהרט זיי זאָלען זוכה זיין זיך צו זעהען מיט זייערע גליקליכע שטארקע ברידער פֿון אונטער די הרי חשך, זיי זאָלען זיך אויס־ןויינען זייער שווער ביטער האַרץ פֿאַר זיי, דערציילען זי'ערע צרות און זייער שפלות, און, אָ! ווי וועלען זיי זיך דאָס פֿאַר זיי אָננעהמען, ווי וועלען זיי דאָס שיקען זייער אידיש חיל מלחמה האלטען מיט די שרעקליכע שונאי ישראל, וואָס פֿייניגען זייערע ברידער אזוי אונערבאַרמליך

און ווי אונגעהייער נייגעריג זיינען די אידען געווען צו וויסען, ווי לעבען די דאָזיגע אידען פֿון דער אידישער מלוכה פֿון הינטער די הרי חשך? פֿיהרען זיי זיך טאקי ווי זיי? טראָגען זיי ציצית? לייגען זיי אויך תפֿילין? האָבען זיי דיזעלביגע גמרא? דאַוונען זיי דאָס זעלביגע דאַוונען? ועמען וועלען זיי — זיי, די מעכטיגע, וועלכע וויסען דאָך מסתמא גאַר דעם ריכטיגען אמת . . . — וועמען וועלען זיי געבען גערעכט און די פֿייעריגע מחלוקת וועלכע איז דאַמאָלס געווען צווישען די גמרא אידע און די קאַראאימער (קראים, וואָס גלויבען ניט אין די גמרא, נור בלויז די תורה שבכתב)?

אָ, ווי האָט ביי די אידען געגליהט דער חשק דאָס אַלץ געוואָהר צו ווער'ען!

און די צייט איז געקומען דערצו אויך.

* * *

אין דעם יאָהר 940 האָט געקעניגט איבער קאָר־אָוואַ, אין די בער־בעריי, אין אַפֿ־יקא' (וואו יעצט איז טונים, אלגיר, מאראָקאָ, ביי גיבראל־טאַר) און א טייל פֿון שפאניען דער מוהאמעדאנישער כאליף (מלך) אבדול ראהמאן (עבד אל רחמן) III. אין יענע צייט איז געווען אין שפא־ניען א רייכער איד, א דאָקטאָר, א גרויסער געלעהרטער און אַ טיעפֿער שפראַך־קעננער, מיט'ן נאָמען ר' חסדאי בר יצחק אבן שפרוט. און דער כאַליף. אבדול ראַהמאַן דער דריטער האָט געהערט פֿון דעם בע־ריהמטען נאָמען פֿון ר' חסדאי אבן שפרוט און פון זיינע גרויסע קענט־ניסע, און ער האָט איהם שטארק מקרב געווען און איהם געמאכט פֿריי־הער פֿאר איבע־זעצער, דערנאָך פֿאר זיין משולח אין קייזערליכע און קעניגליכע הויפֿען, און ענדליך, ווען ר' חסדאי האָט געוויזען דעם כאליף גרויסע טיעפֿע געשיקטהייט אין חכמת המדינה (דיפלאָמאטיע) און האָט מיט זיין גרויסע חכמה זיין מלוכה געבראכט גרויסע טובות, האָט ער איהם געמאכט פֿאר זיין גרעסטען מיניסטער.

און דער נאָמען פֿון דיעזען גרויסען אידישען מיניסטער איז געגאַנגען גאנץ ווייט, אין די הויפֿען פֿון אַלע מליכם און פֿירסטען, און זיין רוהם איז געווען זעהר גרויס.

א סך אינטערעסאַנטע געשיכטען איז דאָ צו דערציילען פֿון דעם מיניסטער ר׳ חסדאי און זיינע מעשים, נור ווייל ניט דאָס איז דאָך אונזער ענין, וועלען מיר גלייך איבערגיין צו דערציילען פֿון איהם איין זאַך, וואָס איז שייך צו אונזער בעשרייבונג.

ר׳ חסדאי אבן שפרוט האָט זיך דעם נידריגען שטאַנד פֿון זיינע ברידער, די אידען, זעהר צום האַרץ גענומען און איהם אויך, אַזוי גוט ווי אַלע אידען, האָט זיך זעהר זעהר געוואָלט עפּעס געוואָהר ווערען פֿון די אידישע מלוכה אין כאַזאַרען־לאַנד וואָס אלדר הדני האָט פֿון זיי דערציילט עטליכע צעהנער יאָהרען איידער ר׳ חסדאי איז געבוירען געוואָרען. ער האָט זיך דעריבער אַלץ אין איינעם נאָכגעפֿרעגט ביי די משולחים וואָס פֿלעגען געשיקט ווערען פֿון אַנדערע מלוכות צו זיין כאַליף, אויב זיי האָבען ניט אַ מאָל עפּעס געהערט פֿון די אידישע מלכות כוזרים. אַזוי לאַנג האָט ער זיך נאָכגעפֿרעגט, ביז ענדליך האָט אַ ידיעה ווי אַ הערליכער זאָנען־שטראַל דערקוויקט זיין האַרץ. דער משולה, וואָס איז געשיקט געוואָרען צום כאַליף פֿון כ אָ ר אַ ז אַ ן (דאַמאָלס אַ קליינע מדינה ביים קאַספּישען ים), האָט אבן שפרוט׳ן דערציילט פֿאַר גאַנץ זיכער, אז עס איז טאַקי דאָ אַ אידישע מלכות כוזרים, איבער וועלכע עס רעגיערט אַ אידישער קעניג. ר׳ חסדאי אבן שפרוט איז שיר פֿון די חויט געשפרונגען פֿאַר שמחה, און אַ גליהעדיקער וואונש האָט זיך אין איהם צופֿלאַקערט, מיט דעם אידישען מלך כוזרים זיך ווייניגסטענס דורך צו שרייבען. נאָך גליקליכער איז ער געוואָרען, ווען דער משלוח פֿון ביזאַנטישען קייזער האָט אויך עדות געזאָגט, אַז די ידיעה פֿון די אידישע מלוכה איז אמת, אַז דער יעצטיגער מלך, אָדער כאַגאַן פֿון די אידישע כאַזאַרען, הייסט יוסף, אַז זיין מלוכה איז זעהר אַ מעכטיגע, אַז זייער לאַנד איז בלויז 15 טאָג רייזע פֿון קאָנסטאַנטינאָפּעל און אז זיי שטייען אין האַנדעלס־פֿערבינדונגען מיט דעם ביזאַנטישען קעניגרייך.

ר׳ חסדאי אבן שפרוט האָט פֿון דאַמאַלס אָן אַריינגעלייגט זיין גאַנצען זין אין דעם פּלאַן אויסצוזוכען אַ שליח, וואָס ער זאָל איהם אַוועקשיקען צום מלך יוסף פֿון די כאַזאַרען מיט אַ בריעף און ער זאָל ברינגען פֿון איהם אַ תשובה.

צום ערסטען האָט ער געפֿונען אַ פֿריינד מיט׳ן נאָמען יצחק בן נתן וועלכער האָט זיך געוואָלט אונטערנעהמען די רייזע צו מאַכען. דאַמאָלס צו

מאַכען אַ רייזע איז געווען ניט קיין קלייניקייט. מען האָט געדאַרפט לאַנג לאַנג, אַרומשלעפּען זיך איבער ימים, איבער גרויסע בערג און מדבריות עס איז געווען פערבונדען מיט זעהר גרויסע סכנות, כמעט אונמעגליכ־קייטען.

ר, חסדאי האָט דעם ר׳ יצחק בן נתן מיטגעגעבען אַ מאַססע געלד, אַ סך בעדינטע, קעמלען, שיפען און צדה לדרך און בריעף פון דעם כאַליף אַבדול ראַהמאַן צום ביזאַנטישען קייזער קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ער זאָל דעם שליח בעזאָרגען קיין כאַזאַרען לאַנד. דער ביזאַנטישער קייזער האָט דעם אידישען שליח גוט אויפגענומען, ער האָט איהם אויפגעהאַלטען אַ האַלב יאָהר — מסתמאַ האָט ער געהאַט אַ פיינדליבען מיין דאַבײ — און ענדליך האָט ער איהם צוריקגעשיקט קיין שפּאַניען מיט אַ בריעף צו ר׳ חסדאי, אַז עס איז אַ סכנה דעם שליח אַוועקצושיקען אויף אַזאַ שרעקליכע רייזע.

ר׳ חסדאי האָט זיין פערדרוס וואָס זיין פּלאַן האָט זיך ניט אויסגעפיהרט, קוים געקענט איבערטראָגען. דערנאָך האָבען זיך ווידער עטליכע מענשען געוואָלט אונטערנעמען אבן שפּרוט׳ס בריעף צום מלך יוסף צו בעזאָרגען אָבער ווען ער האָט שוין געהאַלטען אין מאַכען זיי פערטיג צו דער רייזע האָט ער ווידער געקראָגען אַ נייע וויכטיגע ידיעה פון דעם לאַנד פון זיינע האָפנונגען. אין יאָהר 955 זיינען אָנגעקומען אין דעם הויף פון דעם כאַליף צוויי משולחים פון דעם קעניג הונו פון סלאַוואָניען, און דיביידע משולחים זיינען געווען אידען — מר שאול און מר יוסף. דיזע אידישע אַמבאַסאַדאָרס האָבען ר׳ חסדאי׳ן אויך דערציילט וואונדערליכע מעשיות פון דער אידישער מלוכה פון די כאַזאַרען, וועלכע איז געווען ניט ווייט פון זייער הײם. זיי האָבען דערציילט, אַז אַ איד מיט׳ן נאָמען מר עמרם איז געקומען פון כאַזאַרען לאַנד קיין סלאַוואָניען און האָט דערציילט, אַז ער איז געווען אַ רויסער מיוחס ביי דעם מלך יוסף אין הויף און האָט ביי איהם אַ סך מאָל געגעסען ביים טיש. ר׳ חסדאי האָט געשווינד געשיקט רופען דעם מר עמרם צו זיך אָבער מען האָט איהם שוין ניט געפונען. דערווייל האָבען די צוויי אידישע אַמבאַסאַדאָרס פון סלאַוואָניען זיך אונטערנומען צו בעזאָרגען ר׳ חסדאי׳ס בריעף צום מלך יוסף פון מלכות כוזרים, זיי האָבען בעשלאָסען צו שיקען דאָס צו די אידען קיין אונגאַרן, און זיי זאָלען דאָס בעזאָרגען איבער רוסלאַנד און בולגאַריען קיין כאַזאַרען לאַנד.

רחסד׳ אי האָט געלאָזט פערפאַסען דעם בריעף אויף לשון קדש אין קינצ־ליכע מליצה דורך אַ קינסטלער מיט׳ן נאָמען מנחם בן סרוק, (וועל־

בער ווערט אפט דערמאנט אין רש"י), און האט איהם געלאזט אויפשריי־
בען מיט א פראכטפאלע שריפט אויף פארמעט. דער בריעף געפינט זיך
נאך ביז'ן היינטיגען טאג. ער איז געדרוקט אין מאנכע אויסגאבען פון
דעם ספר הכוזרי. ער הייבט זיך אן מיט די ווערטער: אפודת נזר לשבט
מושלים הממלכה הנהלאה." דער אינהאלט פון דעם בריעף איז אין קורצ־
צען דיעזער: נאך א לאנגע מגילה פון שבחים צום אונבעקאנטען אידי־
שען מלך, שטעלט זיך דער שרייבער, אבן שפרוט, פאר מיט זיין גדולה,
הגם מיט אונגעהייער גרויס עניות (דעמיטהיגקייט). אין דעם גאנצען בריעף
זעהט מען, אז עס איז ר' חסדאי'ן גאר ניט איינגעפאלען, אז די כוזרים
זאלען זיין גרים. ער האט געגלויבט באמונה שלמה, אז זיי זיינען עכטע
אידען פון די עשרת השבטים, און ער בעט דעם מלך ער זאל איהם שריי־
בען פון וועלכען שבט זיי זיינען. ער דריקט דארט אויס זיין גרויסע ערשטוינונג
וועגען דיעזע וואונדערבארע אידישע מלוכה. ער ערקלערט א סך וואונדער־
ליכע באבע מעשיות וואס מען שמועסט ביי אידען וועגען די אבשטאמונג
פון דיעזע מלוכה און פרעגט ביי דעם מלך אויב וועלכע פון זיי איז אמת.
ער שריבט איהם, אז ער האט געהערט, דאס צוויי שפאנישע אידען, ר' יהודה
בר מאיר בר נתן און ר' יוסף הגרים זיינען שוין אהין פערווארפען געווארען,
און „ווי גליקליך זיינען זיי, דאס זיי האבען זוכה געווען צו זעהען די גדולה
און די הערליכקייט פון ארוני המלך" א. ז. וו. ער בעשרייבט דארט זעהר
נענוי און מיט גרויס קענטניס די געאגראפישע לאגע פון זיין מדינה
(אראביש שפאניען) און וואס פיר מלוכה דאס איז. ער פערזיכערט, אז ניט
פון זיין כבוד וועגען שרייבט ער איהם דעם בריעף, נאר „ווייל ער וויל
וויסען דעם אמת, אויב די פערוואגעלטע אידען האבען ערגעץ־וואו אויף דער
וועלט א שטיקעל פרייען בעשטאנד, אהן פרעמדע אויבערהאררען". „ווען
איך וואלט געוואוסט, אז דאס איז אמת, שרייבט ער, וואלט איך מוחל
געווען מיין כבוד און מיין גדולה, איך וואלט פערלאזט מיין פאטערלאנד
און מיין משפחה און וואלט געפלויגען איבער שטאק און איבער שטיין,
איבער בערג און איבער טאלען, איבער ימים און איבער יבשות, ביז איך
וואלט געקומען אויף דעם ארט וואו אדוני המלך רוהט, צו זעהען זיין
גדולה און די מנוחה פון אידען, און דאן וואלט מיר ליכטיג געווארען אין
די אויגען און איך וואלט געדאנקט גאט, וואס ער האט ניט אין גאנצען
פערלאזען זיינע ארימע אידען.

ווייטער בעט ער דעם מלך, ער זאל בעפעהלען זיינע בעדיענטע, די
שרייבערס", זיי זאלען איהם שרייבען אלץ וואס מיט די כוזרים איז; — ווער

זיינען זיי? פֿון וואַנען האָבען זיי זיך גענומען אהין? וואָס פֿיר לאַנד זייער מדינה איז און איבער וויפֿיעל מדינות ער געוועלטיגט א.ז.וו. אויך זאָל ער איהם שרייבען אויב זיי פֿיהרען מלחמות אים שבת, אויב מען רעדט ביי זיי לשון קודש און וואָס דענקען זיי איז די האָפֿנונג פֿון די אונגליקליכע אידען, וועלכע ווערען געהאַלטען אַזוי נידריג. אַלע שטעכען זיי מיט די ווערטער „יעדעס פֿאָלק האָט זיין מלוכה נור איהר אידען ניט". און דעריבער, ווען מיר האָבען געהערט פֿון אייער מעכטיגע מלוכה, האָבען מיר זיך גאָר דערקוויקט, ווייל מיר קענען יעצט אויך זאָגען, אַז מיר האָבען אויך ערגעץ אַ מאַכט" א. ז. וו. ווייטער בעט ער דעם מלך איבער, וואָס ער האָט שוין אַזוי פֿיעל אָנגעשריבען און ענדיגט מיט אַ הערצליכע ברכה, דער מלך זאָל מאריך ימים זיין אויף זיין כסא מלוכה פֿון מלכות ישראל.

דער בריעף איז ווירקליך גליקליך אָנגעקומען צו'ם מלך פֿון די כאַזאַרען מלוכה, דורך אַ געוויסען ר' יעקב בן אליעזר „פֿון לאַנד נמץ" (אַזוי שרייבט דער מלך אין זיין אַנטוואָרט. דאָס וואָרט „נמץ" מאַכט אָהן צווייפֿעל „ניעמיעץ" און דאָס איז דייטשלאַנד, ווי דאָס הייסט נאָך היינט אין די סלאַווישע שפּראַכען.)

אַרום דעם יאָהר 960 האָט ר' חסדאי דערהאַלטען אַ'ן אַנטוואָרט פֿון דעם מלך הכוזרים, און פֿון דאַמאָלס אָן וואָלט זיך געווען אָנגעהויבען אַ פֿערבינדונג צווישען די פֿערוואָגעלטע אידען אין גלות און זייערע מעכטיגע טאַטאַרישע גלויבענסגענאָסען, און ווער ווייס וואָס פֿון אידען וואָלט דאַן געוואָרען, וואָס פֿיר אַ מאַכט עס וואָלט זיך ביי זיי ענטוויקעלט אָבער ליידער — נור לאָמיר דאָס דערוויל לאָזען אויף שפּעטער און לאָמיר זעהען; ערוויל ווי האָט כאַזאַרען־לאַנד דאַמאָלס אויסגעזעהען:

דער מלך פֿון די כוזרים האָט דאַמאָלס געהייסען יוסף בן אהרן. ער איז געווען דער 12טער אידישער קעניג זייט עובדיה, וועלכער האָט איינגעפֿיהרט די ריכטיגע אידישקייט אין זיין לאַנד. די 11 פֿריהעריגע באַגאַנען האָבען אַלע געהייסען אידישע נעמען: עובדיה, חזקיה, מנשה I, חנוכה, יצחק, זבולון, מנשה II, נסי, מנחם, בנימין און אהרן, יוסף'ס פֿאָטער. די כאַזאַרישע מלוכה האָט דאַמאָלס, אין מלך יוסף'ס צייטען, שוין געהאַט פֿערלוירען אַ טייל פֿון איהרע אונטערטעניגע שבטים; דאָך איז דאָס נאָך געווען אַ גרויסע און מעכטיגע מלוכה, ווען מען זאָל צו רעכענען אַלע קליינע שבטים, וואָס זיינען נאָך געווען אונטערוואָרפֿען אונטער איהר הערשאַפֿט. כאַזאַריען אַליין איז געווען גרויס 120 „פּאַראַזאַנג"

אָדער 30 געאָגראַפישע מײלען. די הױפּט שטאָדט פֿון כאַגאַן יוסף איז געװען אױף אַ'ן אינזעל אין דער װאָלגאַ און דער כאַגאַן האָט דאָרט געװאױנט אין אַ גאָלדענעם פּאַלאַץ מיט אַ גאָלדענעם שלאָס. אַ'ן ערך פֿון אַ הונדערט יאָהר פֿאַר כאַגאַן יוסף האָט אַ'ן אַנדערער כאַגאַן אַראָבגעבראַכט אַ בױמײסטער פֿון גריכען-לאַנד און האָט זיך פֿון איהם געלאָזט בױען אַ פֿעסטונג אױף דעם גרענעץ, אַלס שוץ געגען זײערע שונאים, די פּעטשענעגען (אַ טירקישער װאַנדער-שטאַם). דיעזע פֿעסטונג (געבױעט אין יאָהר 854) האָט געהאַט װײסע מױערען און האָט דעריבער בײ זײ געהײסען סאַרקעל, דאָס הײסט װײס-שטאָדט, אױף רוסיש ביעלאַיאַ װעזאַ. און װען די פּעטשענעגען זײנען אין יאָהר 899 איבערפֿאַלען כאַזאַריען, זײנען זײ פֿון די כאַזאַרען געשלאָגען געװאָרען. אױך זײנען די רוסען, — װעלכע זײנען שױן דאַמאָלס געװאָרען אַלץ מעכטיגער — געװען אַ גרױסע געפֿאַהר פֿאַר די כאַזאַרען, זײערע שכנים, און דעריבער האָבען די כאַגאַנען פֿון די כאַזאַרען געמוזט שטענדיג אױפֿהאַלטען אַ שטאַרקע אַרמיע מיליטער. אין יענע צײט האָבען זײ געהאַט 12 טױזענד מאַן מיליטער, קאַװאַלעריע מיט אײזערנע מיצען און פּאַנצערס, און פּיעכאָטע מיט שפּיזען. די סאָלדאַטען מיט זײערע בעאַמטע זײנען געװען געדונגענע מוהאַמעדאַנער, די רעגירונגס-בעאַמטע אָבער זײנען געװען יודען. דאָס ביזאַנטישע קײזער-רײך, װעלכעס איז דאַמאָלס שױן געװען שװאַכלעך, האָט געציטערט פֿאַר די אידישע כאַגאַנען און האָט זײ, פֿון חניפֿה װעגען, אָבגעגעבען דעם טיטעל „אײדעלע און דורכלױכטיגע כאַגאַנען". אױף די בריעף, װאָס יבדי זאַנטישע קיסרים פֿלעגען שיקען צו די כאַזאַרישע מלכים, פֿלעגען זײ אַרױף-לײגען אַ שװערען גאָלדענעם זיגעל, אַלס אַ צײכען פֿון גרױס אַכטונג.

די אידישע מלכים פֿון כאַזאַריען האָבען זיך זעהר אינטערעסירט װעגען די לאַגע פֿון זײערע גלײבענס-גענאָסען פֿון אַנדערע מדינות. אַ כאַגאַן איז אַ מאָל געװאָהר געװאָרען, אַז די מוהאַמעדאַנער האָבען צו־שטערט אַ אידישע שול אין באַבונג, האָט ער זיך נוקם געװען און האָט געלאָזט אראָבבײסען די האַלבע לבנה פֿון די מוהאַמעדאַנישע קירכע אין זײנש טאָדט און דעם מוהאַמעדאַנישען גלח טײטען. (דאָס איז געװען אין יאָהר 921.) ער האָט ערקלערט, אַז ער װאָלט געװען צושטערט אַלע מוהאַמעדאַנישע תיפלות פֿון זײן לאַנד, װען ער װאָלט ניט מורא געהאַט, אַז די מוהאַמעדאַנער פֿון אַנדערע מדינות װעלען זיך נוקם זײן אָן די דאָרטיגע אידען.

ר׳ שמואל בן עלי האָט זיי אריינגעשיקט אָרימע ישיבה־בחורים, וועלכע האָבען די דאָרטיגע טאַטאַרען געמאכט פאַר אידען.

* * *

אַ סך, זעהר א סך געבען דיזע אַלע היסטאָרישע פאַקטען צו דענקען בייַ יעדען פערשטענדיגען לעזער וועט דאָס לעזען פון דיעזען אַרטיקעל ארויסרופען א קוואַל פון פערשיעדענע געדאַנקען. איך וויל אַלזאָ אליין גאָר ניט זאָגען וועגען דעם, אום דעם לעזער ניט צו שטערען זיינע אייגענע געדאַנקען צו ענטוויקלען אין זיך.

דאָך, איין איינציגען געדאַנקען פון די פיעלע מוז איך דאָ אָנריהרען וויל איך האָב מיט דעם אָנגעהויבען. איך מיין נעמליך וועגען נאַציאָנאַליזמוס און פאַטריאָטיזמוס.

זאָל דער לעזער פון דעם וואָס דאָ איז בעשריעבען זעהען, אַז אפילו די אידען, וועלכע האָבען זיך דאָך צוליעב זייער רעליגיע געהאַלטען מעהר אָבגעזאָנדערט און וויניגער זיך פערמישט ווי אַלע אַנדערע אומות, אפילו זיי האָבען ניט קיין רעכט צו „שטאָלצירען" מיט אַ ריינער נאַציאָנאַליטעט. און זאָל דער לעזער זעהען, אַז אפילו אַנטקעגען אידען, אַנט־קעגען דיזע פערוואָגעלטע און פערוואָרפענע גלות׳ניקעס, האָט קיינער קיין רעכט ניט צו זאָגען „דו האָסט דאָ קיין רעכט ניט, ווייל דו ביסט א פרעמדער!"

„געשיכטליכעס רעכט", „נאַציאָנאַליטעטען" „פאַטערלאַנד"—דומהייטען! דאָס אַלץ ציהט זיך נור ביז צו אַ געוויסען בלעטעל פון דער געשיכטע. מישט צוריק נאָך אַ בלעטעל, און אַלץ איז שוין אַנדערס!

די צייט איז ניט ווייט, ווען אַלע מענשען וועלען אָננעהמען דעם איינעם גאָלדענעם וואַהרען גלויבענס־אַרטיקעל:

„די גאַנצע מענשהייט איז איין פאַמיליע, און די וועלט איז איהר פאַטערלאַנד."

## אויסגאבען פון אונזער אייגענעם פערלאג.

1) „גלויבען און פערנונפט", דזשאן מעטליע. פרייז: 1ש. און 6פ. 40 סענט, 80 קאפיקעס.

2) „עדעלשטאדט׳ס שריפטען" פרייז: 5 פענס, 10 סענט, 20 קאפ.

3) „על נהרות בבל" גראף דע וואלני. פרייז: 5 פענס, 10 סענט, 20 קאפיקעס.

4) „קאנאוואלאוו", מאקסים גארקי. פרייז: 5 פענס, 10 סענט, 20 קאפיקעס.

5) „דער בראדיאגא", מאקסים גארקי. פרייז: 3 פענס, 6 סענט, 12 קאפיקעס.

6) „בילדער און געדאנקען", י. באוושאווער. פרייז: 5 פענס, 10 סענט, 20 קאפיקעס.

7) „ליעדער און געדיכטע", י. באוושאווער. פרייז: 5 פענס, 10 סענט, 20 קאפיקעס.

8) „פאעזיע און פראזא", י. באוושאווער. (ענטהאלט בילדער און געדאנקען אין פאעזיע און פראזא), פרייז: 9 פענס, 20 סענט, 40 קאפיקעס.

9) „א פינפאכער מארד", פ. ע. שעוויטש. פרייז: 4 פענס, 10 סענט, 20 קאפיקעס.

10) „גאט, רעליגיאן און מאראל", פ. קראנץ. פרייז: 2 פענס, 5 סענט, 10 קאפיקעס.

11) „דער מענש און זיין נשמה", ד"ר. אינגערסאן. פרייז: 8 הייפענס, 3 סענט, 6 קאפיקעס.

12) „מענשליכע ענטוויקלונג", ד"ר. מאקס נארדוי. פרייז: 1 פעני, 3 סענט, 6 קאפיקעס.

13) „זאלען זיך קבצנים מעהרען?", פרייז 1 פעני, 2 סענט, 4 קאפיקעס.

„סימבאלישע פאסט קארדס", 9 פארטען פרייז: 1 פעני, 2 סענט אדער 4 קאפיקעס יעדע.

---

**בעשטעלונגען צו אדרעסירען:**

ראדיקאל פובלישינג קאמפאני, 71, הענבורי סטריט,

לאנדאן, איסט.

**RADICAL PUBLISHING Co., 71, Hanbury St., London, E.**